ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# אבות

בלשון הקודש
ואידיש

**278**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת אבות

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א׳.

❖

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

בקרקע קשה עשר פעמים אם אין בה גומות ואוכל בה צונן. או משחיזה באבן משחזת חלה ואוכל בה אפילו רותחין. ואם היו בה גומות מלבנה. וכלן שנשתמש בהן עד שלא הרתיחה או עד שלא הלבין ועד שלא הטביל מותר:

סליק מסכת עבודת כוכבים

# אבות פרק א

**משה** קבל תורה מסיני. ומסרה ליהושע. ויהושע לזקנים. וזקנים לנביאים. ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה. הם אמרו שלשה דברים. הוו מתונים בדין. והעמידו

**משה** קבל תורה מסיני. אומר אני לפי שמסכת זו אינה מיוסדת ע"פ מצות ממצות התורה כשאר מסכתות שבמשנה אלא כלה מוסרים ומדות. וחכמי עו"ג גם הן חברו ספרים כמו שבדו מלבם בדרכי המוסר כיצד יתנהג האדם עם חברו. לפיכך התחיל התנא במס' זו. משה קבל תורה מסיני לומר שהמדות והמוסרים שבזו המסכתא לא בדו אותם חכמי המשנה מלבם אלא אף אלו נאמרו בסיני: מסיני. ממי שנגלה בסיני: לזקנים. שהאריכו ימים אחרי יהושע. ואותם הזקנים לזקנים אחרים עד שהגיעו לתחלתם של נביאים. שהן עלי הכהן ושמואל הרמתי: לאנשי כנסת הגדולה. ק"ך זקנים היו זרובבל שרים. ועליהם מרדכי בלשן שהיו בימי עזרא כשעלו מן הגולה בבית שני. ומכללם חגי זכריה ומלאכי ונחמיה בן חכליה וחבריהם. ונקראו כנסת הגדולה. לפי שהחזירו העטרה ליושנה. שמשה אמר (דברים י) האל הגדול הגבור והנורא. בא ירמיה ודניאל ולא אמרו גבור ונורא. והם החזירום כבתחלה לפי שאמרו כן הן גבורותיו כן הן נוראותיו. שאלמלא כן היאך אומה כזו יכולה להתקיים מפני כמה אומות: הם אמרו שלשה דברים. הרבה דברים אמרו. אלא ג' דברים הללו אמרו (הן) שיש בהן קיום התורה: הוו מתונין בדין. שאם בא דין לפניך פעם ושתים ושלש. לא תאמר דין זה כבר בא לפני ושניתי ושלשתי בו. אלא הוו מתונים. כלומר ממתינים קודם שתפסקו הדין: והעמידו תלמידים הרבה. לאפוקי מרבן גמליאל דאמר כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש קמ"ל שמלמדין תורה לכל אדם וא"צ לבדוק אחריו. ובלבד

---

שטעקן צעהן מאהל אין הארטע ערד וועט מען אים מעגין ניצען צוא קאלטע זאכן. אדער מען זאל אים שארפין אויף א שטיין ביא א שלייפער. וועט מען אים מעגין ניצען אפילו צוא הייסע זאכען. אונ אויב עס איז דא גריבלאך אין דעם מעסער. אפילו צוא קאלטע זאכען מוז מען אים. אויך ברענגען אויף דעם פייאר ביז פונקען שפריצען (ועיין תי"ט ותי"ו:

**פרק א** (משה קבל תורה מסיני) משה רבינו האט גינומען דיא תורה פון גאט אויף דעם בארג סיני (ומסרה ליהושע) אונ ער האט גיגעבין דיא תורה צוא יהושע (ויהושע לזקנים) אונ יהושע האט גיגעבין דיא תורה צוא דיא זקנים (וזקנים לנביאים) אונ די זקנים האבין גיגעבין דיא תורה צוא דיא נביאים (ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה) אונ דיא נביאים האבין גיגעבין דיא תורה צוא דיא גרויסע פאר זאמלונג פון הונדערט אונ צוואנציג זקנים וואס זייא האבען גימאכט אלע תקנות ביא דיא יודין (הם אמרו שלשה דברים) דיא אנשי כנסת הגדולה האבין גיזאגט דרייא זאכין (הוו מתונים בדין) איר זאלט זיין גיווארנט אין משפט. אז עס קומט אדין תורה פאר בייניים. זאלין זייא ניט זיין גיאיילט צוא פסקנן.

טהורה. ושל עץ ר׳ אומר ינגב. וחכ״א יקלוף את הזפת. ושל ח״ם אף ע״פ שקלף את הזפת. הרי זו אסורה: **יב** הלוקח כלי תשמיש מן העו״ג. את שדרכו להטביל. יטביל. להגעיל. יגעיל. ללבן באור. ילבן באור. השפוד. והאסכלא. מלבנן באור. הסכין. שפה. והיא טהורה:

חמרא טפי: רבי אומר ינגב. כשל אבן. ואין הלכה כרבי: ושל חרס. בין לרבי בין לרבנן: אע״פ שקלף הזפת אסור. דחרס בלע ופלט בלע ליה חמרא: **יב** כלי תשמיש. של סעודה ודוקא כלי מתכות או כלי חרס המצופים באבר וכלי זכוכית ככלי מתכות דמי: את שדרכו להטביל. כלומר כלי הראוי ליעשה בטבילה וא״צ תקון אחר כגון שתשמישו ע״י צונן: יטביל. במקום הכשר לטבילת אשה. וטבילה מתיר:

להגעיל. כגון יורות וקדרות של מתכות שמשתמשין ע״י רותחין: יגעיל. בכותחין שמכניסין לתוך יורה גדולה מים רותחים ומשהין אותן בתוכה מעט וזה אחר שמשפשפן ומסיר החלודה שלהן ואח״כ מטבילן במקוה הכשר לטבילת אשה והן מותרין: ללבן. כלים שמשתמשים בהן ע״י האור בינם בלי רוטב כמפ׳ ואז״ל כגון השפודי׳ והאסכלאות: מלבנן באור. עד שיהיו ניצוצו׳ ניתזין מהן ואח״כ מטבילן והן מותרין: שפה. ניטלה

---

כלי איז פון האלץ. אונ דער עובדת גלולים האט אינוויינג אויס געשמירט מיט פעך. אונ אויף דיא פעך האט ער בגאסין מיט ויין. עס זאל אויס ציהען דעם שלעכטין ריח פון דיא פעך (רבי אומר ינגב) רבי זאגט דער יוד זאל אפ וואשין דיא ויין פון דיא פעך מיט וואסער אונ מיט אש. אזוי וויא ביא אשטיינערנע (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (יקלוף את הזפת) ער זאל אראפ שיילין דיא פעך פון דיא האלץ. דער נאך זאל ער אפ וואשין דיא האלץ מיט וואסער אונ מיט אש. ווען ער מעגין אין איר אריין גיסען כשרה ויין (ושל חרס) אונ אויב דיא כלי איז אערדענע (אף על פי שקלף את הזפת) אפילו ער האט אפ גישיילט דיא פעך. פון דעסטוועגין (הרי זו אסורה) איז דיא כלי אסור. מען טאר ניט אריין גיסען אין איר כשרה ויין (ועיין תי״ט): יב (הלוקח כלי תשמיש מן העובדי גלולים) אז איוד קויפט פון איין כותי כלים וואס מען ניצט זיי צום עסין וגינאסענע. זילבער. קופער. מעש. אונ נאך אזעלכע. אדער גלעזערנע. אדער ערדענע גיגלייזטע) אפילו נייע כלים (את שדרכו להטביל) דיא כלים וואס מען ניצט זייא נאר צוא קאלטע זאכין. אונ מען דארף זייא נאר טובל זיין (יטביל) זאל ער זייא טובל זיין אין אכשרה מקוה. אונ מען מעג זייא ניצען (להגעיל) אויב מען דארף זייא אויס בריהען אין הייסע וואסער. ווייל מען ניצט מיט זייא אויך מיט הייסע זאכין (יגעיל) זאל מען זייא כשרין אזוי וויא מען כשרת אויף פסח. מען רייבט אפ דיא ראסט אונ דיא פלעקין אונ מען לייגט זייא אריין אין אקעסיל הייסע וואסער. זייא זאלין ליגען אינוויינג אקליינע ווילע דער נאך זאל מען זייא טובל זיין אין אכשרה מקוה. ווען מען זייא מעגין ניצען (ללבן באור) אויב מען דארף זיי ברענגען אין פייער. ווייל מען ניצט זייא ביי דעם פייער טרוקען אן יאהך (ילבן באור) זאל מען זייא ברענגען אין פייער ביז פונקען וועלין שפריצען פון זיי. דער נאך זאל מען זייא טובל זיין אין אכשרה מקוה ווען מען זייא מעגין ניצען (השפוד והאסכלה) אשפיז אדער אאייזערנע ברעט מיט לעכלאך אונ מען לייגט ארויף דיא פלייש פון הויבין אויף דיא ברעט אונ מען בראט אויף דעם פייער אז ער קויפט דאס פון אעובד גלולים (מלבנו באור) זאל מען דאס ברענגען אויף דעם פייער ביז פונקען וועלין שפריצען (והסכין) אז מען קויפט אמעסער פון אעובד גלולים (שפה והיא טהורה) זאל מען אים אריי

שטעקין

אלא יהיה ידוע מעניו שמעשיו מקולקלים וכאלו בומעניס. א"נ אשמועי' שאם העמיד תלמידים בבחרותו יעמיד תלמידים בזקנותו דכתיב (קהלת יא) בבקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך: ועשו סייג לתורה. גדר שלא יבא ליגע באיסור תורה. כגון שניות לעריות ושבות לשבת. דכתיב (ויקרא יח) ושמרתם את משמרתי. עשו משמרת למשמרתי:

ב משירי. משיורי שלאחר שמתו כלן נשתייר' הקבלה בידו. והוא היה כ"ג אחר עזרא: הוא היה אומר. כלומר כך היה רגילה בפומיה תמיד. וכן כל רבי פלוני אומר. הוא היה אומר שבמסכת זו פירוש היה רגיל לומר כן תמיד: העולם עומד. לא נברא העולם אלא בשביל ג' דברים הללו: על התורה. שאלמלי לא קבלו ישראל את התורה לא נבראו שמים ולכך דכתיב (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי: ועל העבודה. עבודת הקרבנות שכך שנינו במסכת תענית שאלמלא מעמדות לא נתקיימו שמים וארץ ומצינו שבשביל הקרבנות שהקריב נח. נשבע [הקב"ה] שלא יביא מבול לעולם. הרי שהעולם עומד על הקרבנות: ועל ג"ח. דכתיב (תהלים פט) עולם חסד יבנה. וגמילות חסדים הוא לשמח חתנים. ולנחם אבלים. ולבקר חולים. ולקבור מתים. וכיוצא בזה: ג פרס. לשון ערך. ערך מתרגמינן פורסיה הוא מה שאדם נותן למי שעבד אותו והוא אינו חייב בדין ליתן לו כלום. כמו מה שיתן אדם לבנו קטן. או לאשתו. או לעבדו מפני קורת רוח שעשו לו. ואפי' לתקוה פרס כזה לא יעבוד אדם את בוראו אלא מאהבה בלבד: ויהי מורא שמים עליכם.

תלמידים הרבה. ועשו סייג לתורה:

ב שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה. הוא היה אומר על שלשה דברים העולם עומד. על התורה. ועל העבודה. ועל גמילות חסדים:

ג אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק. הוא היה אומר אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס. אלא היו כעבדים המשמשין את הרב. שלא על מנת לקבל פרס. ויהי מורא שמים עליכם:

---

נאר זייא זאלין גוט בקלערין דעם דין (והעמידו תלמידים הרבה) אונ דיא מענטשין וואס קענגען גוט לערנען זאלין אויף שטעלין פיל תלמידים (ועשו סייג לתורה) אונ איר זאלט מאכין אצוים צוא דיא תורה. איר זאלט אסרין אזעלכע זאכין וואס זענען מותר. כדי מען זאל ניט קענען קומען מתיר זיין וואס איז אסור: ב (שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה) שמעון הצדיק וואס ער איז געבליבען וער איז געווען דער לעצטער) פון דיא כנסת הגדולה (הוא היה אומר) ער פלעגט זאגין (על שלשה דברים העולם עומד) דיא וועלט שטייט אויף דרייא זאכין (על התורה) מען זאל לערנען תורה (ועל העבודה) אויף קרבנות ואונ אויף תפלה (ועל גמילות חסדים) מענטשין זאלין טאן טובות איינער צום אנדערין. דער פרייען חתן כלה. טרייסטין אבלים. גיין צוא אקראנקין. בגראבין מתים: ג (אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק) אנטיגנוס פון דעם ארט סוכו האט גילערונט פון שמעון הצדיק (הוא היה אומר) ער פלעגט זאגין (אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס) איר זאלט ניט זיין אזוי וויא דיא קנעכט וואס דינען זייער בעל הבית ווייל ער באצאהלט זייא (אלא היו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס) נאר איר זאלט זיין אזוי וויא דיא קנעכט וואס דינען זייער בעל הבית ניט צוא געמען גיצאהלט. אזוי זאלט איר אויך ניט דינען גאט ווייל ער וועט אייך בצאהלין. נאר (ויהי מורא שמים עליכם) איר זאלט דינען גאט ווייל מען דארף מורא האבין פאר אים. אונ וועלכע מורא. מען דארף מורא

אע"פ שאתה עובד מאהבה עבוד ג"כ מיראה. שהעובד מאהבה זריז במ"ע. והעובד מיראה נזהר ממצות ל"ת. ונמצאת עבודתו שלימה. וכן אמרו חז"ל עבוד מאהבה עבוד מיראה. עבוד מאהבה. שאם באת לשנוא דע שאתה אוהב ואין אוהב שונא. עבוד מיראה שאם באת לבעוט דע שאתה ירא ואין ירא בועט:

**ד** יוסי בן יועזר איש צרידה. ויוסי בן יוחנן איש ירושלים קבלו מהם. יוסי בן יועזר אומר יהי ביתך בית ועד לחכמים. והוי מתאבק בעפר רגליהם. והוי שותה בצמא את דבריהם:

**ה** יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר יהי ביתך פתוח לרוחה. ויהיו עניים בני ביתך. ואל תרבה שיחה עם האשה. באשתו אמרו. ק"ו באשת

ד יוסי בן יועזר איש צרידה. ויוסי בן יוחנן איש ירושלים. כל הזוגות הנזכרים בפרק זה זוג זוג. פלוני ופלוני קבל מפלוני ופלוני. הראשון מהם נשיא. והשני אב בית דין: יהי ביתך בית ועד לחכמים. כשירצו החכמים להתקבץ ולהתועד יהיה ביתך מוכן לדבר זה שיהיו רגילים לומר נתקבץ בביתו של פלוני. שאי אפשר שלא תלמוד מהם איזה דבר חכמה. משלו משל למה הדבר דומה לנכנס לחנותו של בשם אע"פ שלא לקח כלום מ"מ ריח טוב קלט והוליך עמו: והוי מתאבק בעפר רגליהם. כלומר שתלך אחריהם. שהמהלך מעלה אבק ברגליו. וההולך אחריו מתמלא מאבק שהוא מעלה ברגליו. פירוש אחר. שתשב לרגליהם על הארץ שבימיהם נוהגים שהרב יושב על הספסל והתלמידים יושבים לרגליו על גבי קרקע: והוי שותה בצמא את דבריהם. כאדם צמא ששותה בתאוה ולא כאדם שבע שאין במזונו שום טעם אפילו בדברים הערבים והטובים: ה יהי ביתך פתוח לרוחה. כביתו של אברהם אבינו ע"ה שהיה פתוח לארבע רוחות העולם. כדי שלא יצטרכו האורחים להקיף למצוא הפתח: ויהיו עניים בני ביתך. ולא יקנה עבדים לשמשו. מוטב שיהנו ישראל מנכסיו ולא זרע כנען הארור: באשתו אמרו. מדקאמר עם האשה ולא אמר עם אשה. למדנו שבאשתו אמרו אית דמפרשי באשתו נדה בלבד. שלא יבא לידי הרגל

---

האבן פאר זיין גרויסקייט וואס ער האט באשאפן דיא וועלט. אזוי וויא דוד המלך עליו השלום האט געזאגט (כי אראה שמיך) אז איך זעה דיינע הימלען. אונ פון אזוי אמורא קומט מען צו דינען גאט פון ליבשאפט און שבר: ד יוסי בן יועזר איש צרידה אונ יוסי בן יוחנן איש ירושלים (קבלו ממנו) האבן געלערנט פון אנטיגנוס איש סוכו. יוסי בן יועזר זאגט (יהי ביתך בית ועד לחכמים) דיין שטוב זאל זיין אפאר זאמלונג צוא חכמים. דיא חכמים זאלין זיך פאר זאמלען ביי דיר אין דיין שטוב (והוי מתאבק בעפר רגליהם) דוא זאלסט פאר שטויבט ווערין פון דיא שטויב פון זייערע פיס. דאס מיינט מען דוא זאלסט אייביג זיין אינטער דיא חכמים. אזוי זאגט אז דיא שטויב פון זייערע פיס זאל ארויף קומען אויף דיר. דורך דעם וועסטו הערין אלע מאהל זייערע תורה אונ חכמה וואס זייא וועלין לערנען אונ ריידין (והוי שותה בצמא את דבריהם) דוא זאלסט טרינקען מיט דארשט זייערע רייד. אזוי וויא איינער איז דארשטיג האט ער דאך הנאה פון דעם טרינקען. אזוי זאלסטו הנאה האבן אונ מיט גרויס לוסט צוא הערין זייערע רייד: ה יוסי בן יוחנן איש ירושלים זאגט (יהי ביתך פתוח לרוחה) דיין שטוב זאל זיין אפין צוא דער ברייטערין וועלכין מענטשין עס איז איינג (ויהיו עניים בני ביתך) אונ דיא ארעמע לייט זאלין זיין דיינע שטוב מענטשין. אזוי ווי דוא דארפסט שפייזין דיינע שטוב מענטשין אזוי זאלסטו שפייזין ארעמע לייט (ואל תרבה שיחה עם האשה) דוא זאלסט ניט פיל שמעסין מיט דיא אשה (מיט דיין ווייב) באשתו

חברו. מכאן אמרו חכמים כל זמן שאדם מרבה שיחה עם האשה גורם רעה לעצמו ובוטל מדברי תורה וסופו יורש גיהנם: ו יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי קבלו מהם. יהושע בן פרחיה אומר. עשה לך רב וקנה לך חבר. והוי דן את כל האדם לכף זכות: ז נתאי הארבלי אומר הרחק משכן רע. ואל תתחבר לרשע. ואל תתיאש

חבירה. ומדברי המשנה נראה דאפי' באשתו טהורה וכן אמרו חז"ל (חגיגה ה) מגיד לאדם מה שחו אפי' שיחה קלה שבין איש לאשתו מגידין לו בשעת הדין אלא אם כן צריך לפייסה לדבר מצוה כגון רב דשח ושחק ועשה צרכיו: מכאן אמרו חכמים. רבינו הקדוש בסדר המשניות כתבה מדברי חכם זה שאמר ואל הרבה שיחה עם האשה למדו חכמים לומר כל זמן שאדם מרבה שיחה עם האשה גורם רעה לעצמו. מצאתי כתוב כשאדם מספר לאשתו קורותיו כך וכך אירע לי עם פלוני היא מלמדתו להרחר ריב. כגון קרח שספר לאשתו מה שעשה משה בהניף את הלוים תנופה והביאתו בדברים לידי מחלוקת א"נ מתוך שהוא מספר לה שחבריו גנהו וביישוהו אף היא מבזה אותו בלבה הא גורם רעה לעצמו: ובוטל מדברי תורה. שנמשך אחר דברים בטלים ואינו עוסק בתורה: ו עשה לך רב. רמב"ם פירש אע"פ שאינו ראוי להיות לך רב. עשה אותו רב עליך ולא תלמוד בינך לבין עצמך. ואני שמעתי עשה לך רב שיקבל לו רב אחד שילמוד ממנו תמיד. ולא ילמוד היום מאחד ולמחר מן האחר. ואע"ג דבמסכת ע"ג (דף יט) אמרו הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה כבר פירשו ואמרו הני מילי בסברא שטוב לו לשמוע סברת הרבים אבל לענין גמרא עדיף רב אחד מעלי כי היכי דלא לפגום לישניה: וקנה לך חבר. ואפי' אתה צריך לקנותו בדמים יקרים ולפזר עליו ממון כדי שתקנה אהבתו אבל ברב לא שייך לומר קנה לך רב שהרב צריך ללמד בחנם: והוי דן את כל האדם לכף זכות. כשהדבר בכף מאזנים ואין לו הכרע לכאן ולכאן כגון אדם שאין אנו יודעים ממעשיו אם צדיק אם רשע ועשה מעשה שאפשר לדונו לזכות ואפשר לדונו לחובה. מדת חסידות הוא לדונו לכף זכות. אבל אדם שהוחזק ברשע מותר לדונו לחובה שלא אמרו (שבת לז) אלא החושד בכשרים לוקה בגופו מכלל שהחושד ברשעים אינו לוקה: ז הרחק משכן רע. שלא תלמוד ממעשיו. ועוד שלא תלקה עמו במפלתו דאוי לרשע ואוי לשכנו: ואל תתחבר לרשע. שכך אמרו חכמים כל המתדבק לרשעים אף ע"פ שאינו עושה כמעשיהם נוטל שכר כיוצא בהם. למה הדבר דומה לנכנס לביתו של בורסי אע"פ שלא לקח ממנו כלום מ"מ ריח רע קלט

---

אמרו) מיט זיין ווייב האט מען גיזאגט ער זאל ניט פיל שמועסין (קל וחומר באשת חברו) מיט זיין חברס ווייב טאר מען געוויס ניט שמועסין (מכאן אמרו חכמים) פון דאנגען האבע דיא חכמים אפ גילערנט צוא זאגין (כל זמן שאדם מרבה שיחה עם האשה) צו יעדער צייט וואס א מענטש שמועסט צוא פיל מיט זיין ווייב (גורם רעה לעצמו) בריינגט ער אויף זיך שלעכטס (ובוטל מדברי תורה) אונ ער ווערט נישטערט פון לערנען תורה (וסופו יורש גיהנם) אונ זיין סוף וועט זיין ער וועט נידערין אין גיהנם: ו יהושע בן פרחיה אונ נתאי הארבלי (קבלו מהם) האבין גילערנט פון זייא. פון דיא פריערדיגע תנאים. יהושע בן פרחיה זאגט (עשה לך רב) מאך דיר א רבי אונ זאלסט ניט לערנען אליין (וקנה לך חבר) אונ קויף דיר א חבר אפילו פאר געלט. אבער א רבי טאר ניט נעמען געלט פאר דעם לערנען (והוי דן את כל האדם לכף זכות) אז א מענטש האט גיטאן אזוי אונ דוא קענסט אים גירעכט מאכען אונ אומגירעכט מאכין זאלסטו אים גירעכט מאכין. אונ זאלסט אים האלטין פר א צדיק ניט פאר א רשע: ז נתאי הארבלי זאגט (הרחק משכן רע) דו זאלסט דיך דער ווייטערין פון א שלעכטין

שכן

וכולית עמו: ואל תתייאש מן הפורענות. שלא תאמר רשע זה מעשיו מצליחין אלך ואדבק עמו הואיל והשעה משחקת לו. לכך אמר ואל תתיאש מן הפורענות כלומר דע שמהרה תבא עליו פורענות כי פתאום יבוא אידו: ח אל תעש עצמך כעורכי הדיינין. כאותן אנשים שעורכים ומסדרים טענות בעלי הדין לפני הדיינים. שאסור לאדם לגלות דינו לאחד מבעלי הדין ולומר לו טען כך בשביל שתזכה בדינך ואף ע"פ שיודע שהדין עמו. פ"א כעורכי הדיינין כגדולי הדיינים ובתלמיד היושב לפני רבו מדבר. שלא יעשה עצמו כגדולי הדיינים לדבר לפני רבו כשפוסק את הדין. עורכי לשון אב ערכאות של עו"ג (גטין פ י) ערכאות של בית דוד. ומפי אחרים שמעתי אל תעש עצמך כגדולי הדיינים לסוף בעלי דינים שיבואו לדין לפניך: יהיו בעיניך כרשעים. שלא יפה לבך לאחד מהם לומר איש פלוני חשוב הוא. ולא יטעון טענת שקר. שאם אתה אומר כן אין אתה רואה לו חובה: כשקבלו עליהם את הדין. שלא תחשוד הדיין לומר גזלן היה זה אלא תאמר שמא טועה היה ולא נתכוין לגזול א"כ נתחייב א' מהם שבועה ונשבע לא תאמר לשקר נשבע: ט והוי זהיר בדבריך. שלא יאמר הדיין שמא כך וכך היה מעשה או אם היה הדבר כך היה פלוני זכאי ומתוך דברים הללו לומד בעל הדין או העדים לומר דבר שלא היה: י שמעיה ואבטליון. גרי צדק היו. ומבני בניו של סנחריב הם. ושמעתי שמפני שהיה אבטליון אב ב"ד. נקרא בשם זה שפירושו אב לקטנים כי טליא בל' ארמי קטן. כמו אמר רבי יוחנן כד הוינא טליא כשהייתי קטן. לייתו טליא וטליתא. יביאו קטן וקטנה. אף כאן אבטליון אביהן של יתומים קטנים: אהוב את המלאכה. אפילו יש לו במה להתפרנס חייב לעסוק במלאכה. שהבטלה

מן הפורענות: ח יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח קבלו מהם. יהודה בן טבאי אומר אל תעש עצמך כעורכי הדיינין. וכשיהיו בעלי דינים עומדים לפניך יהיו בעיניך כרשעים. וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאין כשקבלו עליהם את הדין: ט שמעון בן שטח אומר הוי מרבה לחקור את העדים. והוי זהיר בדבריך. שמא מתוכם ילמדו לשקר: י שמעיה ואבטליון קבלו מהם. שמעיה אומר אהוב את

---

שכן (ואל תתחבר לרשע) אונ דוא זאלסט דיך ניט בהעפטין מיט ארשע (ואל תתיאש מן הפורענות) אונ דוא זאלסט ניט פאר געסין אז גאט קען שטראפין: ח יהודה בן טבאי את שמעון בן שטח (קבלו מהם) האבין גילערונט פון רבי יהושע בן פרחיה אונ נתאי הארבלי. יהודה בן טבאי זאגט (אל תעש עצמך כעורכי הדיינין) דוא זאלסט דיך ניט מאכען וויא דוא עאלסט גיוועזן פון דיא גרעססטע דיינים. דוא זאלסט גייטין מענטשין וויא זאלען קומען פאר דיר האבען דין תורות (וכשיהיו בעלי דינים עומדים לפניך) דיא מענטשין וואס וועגען ניקומען פאר דיר האבין אדין תורה. ווען זייא שטייען פאר דיר אונ זאגין זייערע טענות (יהיו בעיניך כרשעים) זאלסטו האלטען ביידע פאר רשעים (וכשנפטרים מלפניך) אונ אז זיי גייען אוועק פון דיר (יהיו בעיניך כזכאין) זאלסטו האלטין ביידע פאר צדיקים (כשקבלו עליהם את הדין) אז זייא האבין ביידע אויף זיך גינומען זייא זאלין טאהן וויא דיא דיינים הייסן: ט שמעון בן שטח זאגט (הוי מרבה לחקור את העדים) דוא זאלסט פיל אונ גוט פארשטין דיא עדות (והוי זהיר בדבריך) אונ דוא זאלסט זיין געהיט מיט דיינע רייד (שמא מתוכם ילמדו לשקר) טאמער פון דיינע רייד וועלין זייא זיך אויס לערנען וויא צוא זאגין ליגען:. שמעיה אונ אבטליון (קבלו מהם) האבין גילערנט פון יהודה בן טבאי אונ פון שמעון בן שטח. שמעיה זאגט (אהוב את המלאכה) אמענטש זאל ליב האבין צוא ארבעטין ניט צוא גיין

מביאה לידי פיעמוס: ושנא את הרבנות. ולא תאמר אדם גדול אני וגנאי לי לעסוק במלאכה. דאמר ליה רב לרב כהנא פשוט נבלתא בשוק ושקול אגרא ולא תימא כהנא אנא. גברא רבא אנא. והיא כי מלתא. פירוש אחר ושנא את הרבנות. התרחק מלנהוג שררה על צבור שהרבנות מקברת את בעליה:

**יא** הזהרו בדבריכם. שלא תניחו מקום לטעות בדבריכם: שמא תחובו חובת גלות. כלומר אע"פ שבמקום שאתם בו אין שם מקום לטעות יש לחוש שמא יגרום החטא ותתחייבו גלות. ותגלו למקום שיש שם אפיקורסים שמראים פנים בתורה שלא כהלכה והם כנוי למים הרעים. ויבינו מתוך דבריכם דברים שאינם הגונים וישתו התלמידים הבאים אחריכם מאותם דברים דברי מינות וימותו בעונם: ונמצא ש"ש מתחלל. שיאמרו אותן דעות בטלות בעולם כמו שקרה לאנטיגנוס איש סוכו עם צדוק וביתוס תלמידיו שאמר להם אל תהיו

**המלאכה. ושנא את הרבנות. ואל תתודע לרשות: יא אבטליון אומר חכמים הזהרו בדבריכם. שמא תחובו חובת גלות. ותגלו למקום מים הרעי'. וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו. ונמצא שם שמים מתחלל: יב הלל ושמאי קבלו מהם. הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן. אוהב שלום. ורודף שלום. אוהב את**

כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס. ואמרו הם. אפשר פועל עושה מלאכה כל היום וערב ולערב אינו מקבל פרס. ויצאו מן הדת הם ותלמידיהם ונקראים צדוקים וביתוסים עד היום:

**יב** הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום. פירשו באבות דרבי נתן כיצד היה אהרן אוהב שלום. כשהיה רואה שני בני אדם מתקוטטים היה הולך לכל אחד מהם שלא מדעת חברו. ואומר לו ראה חברך איך הוא מתחרט ומכה את עצמו על שחטא לך. והוא אמר לי שאבוא אליך שתמחול לו ומתוך כך כשהיו פוגעים זה בזה היו מנשקים זה את זה. וכיצד היה מקרב הבריות לתורה כשהיה יודע באדם שעבר עבירה היה מתחבר עמו ומראה לו פנים צהובות. והיה אותו אדם מתבייש ואומר אילו היה יודע צדיק זה מעשי הרעים כמה היה מתרחק ממני ומתוך כך היה חוזר למוטב. הוא שהנביא מעיד עליו (מלאכי ב) בשלום ובמישור הלך אתי ורבים

---

ליידינ (ושנא את הרבנות) אונ דוא זאלסט פיינט האבען גרויסקייט. דוא זאלסט ניט זאגין איך בין אגמבן אונ אנחשן מיר פאסט ניט דיא מלאכה (ואל תתודע לרשות) אויב דוא וועסט ליב האבען צוא ארבעטין וועסטו ניט דער קענט ווערין צוא ארומקייט. וועסטו ניט זיין ארעם גשמת חיים: יא אבטליון זאגט (חכמים הזהרו בדבריכם) חכמים איר זאלט זיין געוויט מיט אייערע רייד (שמא תחובו חובת גלות) טאמער וועט איר מוזין פאר טריבען ווערין פון דעם ארט (ותגלו למקום מים הרעים) אונ איר וועט פאר טריבען ווערין אין אזוי אארט וואס דארט זענען שלעכטע וואסער שלעכטע מענטשין. אפיקורסים (וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו) אונ דיא תלמידים וואס וועלין דארט קומען נאך אייך וואס וועלין לערנען ביא אייך וועלין טרינקען לערנען אייערע רייד. אונ זייא וועלין אייך שלעכט פאר שטיין. ווייל איר וועט ג ט נוט ארויס זאגין וואס איר מיינט. וועלין זייא נאך ערגער ווערין. אונ זיי וועלין שטארבין דורך זייערע זינד וואס זייא האבען גיטאהן ווייל זייא האבין אין אייך גיהאם אטעות (ונמצא שם שמים מתחלל) וועט זיין אחילול השם: יב הלל אונ שמאי (קבלו מהם) האבין גילערנט פון שמעיה מיט אבטליון. הלל זאגט (הוי מתלמידיו של אהרן) דוא זאלסט זיין דיא תלמידים פון אהרן (אוהב שלום) דוא זאלסט ליב האבען צוא זיין שלום מיט אלע מענטשין (ורודף שלום) דוא זאלסט נאך יאגין צוא מאכען שלום צווישען אנדערע מענטשין

הבריות. ומקרבן לתורה: יג הוא היה אומר נגד שמא. אבד שמיה. ודלא מוסיף יסיף. ודלא יליף קטלא חייב. ודישתמש בתגא חלף: יד הוא היה אומר אם אין אני לי מי לי וכשאני לעצמי מה אני ואם לא עכשיו אימתי: טו שמאי אומר עשה תורתך קבע.

השיב מען: יג נגד שמא אבד שמיה. מי שנמשך לו שם מרחוק מתוך שררה ורבנות מהרה יאבד שמו. שהרבנות מקברת את בעליה. נגד לשון משיכה. תרגום משכו נגדו: ודלא מוסיף. מי שאינו מוסיף על למודו: יסיף. יסוף מפיו מה שכבר למד וישכח תלמודו. ויש שגורסין יאסף כלומר יאסף אל עמיו וימות בלא עתו: ודלא יליף. קשה מדלא מוסיף הלכך קטלא חייב כלומר ראוי הוא למיתה כמו שאמרו [פסחים מט:] עם הארץ כו': ודישתמש בתגא חלף. המשתמש בכתרה של תורה כאדם המשתמש בכליו חלף ועבר מן העולם. תגא בלשון ישמעאל כתר ויש מפרשים תג"א ר"ת *תלמיד *גברא *אחריכא שאסור לאדם להשתמש בתלמידים שאינן תלמידיו ואפי' שמעתי ודישתמש בתגא המשתמש בשם המפורש חלף ואבד שאין לו חלק לעולם הבא: יד אם אין אני לי. אם אין אני זוכה לעצמי מי יזכה בשבילי: וכשאני לעצמי. ואפי' זכיתי לעצמי. מה הוא הזכות הזה. ובמה נחשב הוא. כנגד מה שאני חייב לעשות: ואם לא עכשיו. בעולם הזה: אימתי. כי אחר המות אי אפשר לזכות עוד. פירוש אחר אם לא עכשיו בימי הבחרות. אימתי. שמא בימי הזקנה לא יעלה בידי: טו עשה תורתך קבע. שיהיה עיקר עסקך ביום ובלילה בתורה וכשתהיה יגע מן התלמוד תעשה מלאכה. ולא שיהיה עיקר עסקך במלאכה וכשתפנה מן המלאכה תעסוק בתורה. ומצאתי כתוב עשה תורתך קבע שלא תחמיר לעצמך ותקל לאחרים. או תחמיר לאחרים ותקל לעצמך. אלא תהא תורתך קבע. לך כמו לאחרים. וכן הוא אומר בעזרא ז'. כי עזרא הכין לבבו לדרוש את תורת ה' ולעשות וללמד
לבני

---

ואוהב את הבריות) דוא זאלסטו ליב האבען אלע מענטשין ומקרבן לתורה) אונ דוא זאלסט זיא ברענגען צוא דיא תורה: יג (הוא היה אומר) הלל פלעגט זאגין (נגד שמא) אז זיין נאמען ציהט זיך. ער האט אגרויסען נאמען. אונ דורך דעם איז דער מענטש ביא זיך גרויס (אבד שמא) ווערט זיין נאמען פאר לארין ווערין. ער וועט ניט לאנג גרויס זיין (ודלא מוסיף) ווער עס מערט ניט צוא חזרין וואס ער האט גילערנט (יסף) וועט זיין לערנען פון אים פאר געסען ווערין (ודלא יליף) אונ דער וואס לערנט גאר ניט (קטלא חייב) האט זיך אליין פאר שולדיגט זיין טויט (ודישתמש בתגא חלף) ווער עס ניצט מיט דיא קרון פון דיא תורה. דער מענטש וואס איז גרויס ביא זיך ווייל ער גייט אין דיא קרון פון דיא תורה. ווייל ער קען לערנען. דער וועט געשווינד אוועק גיין פון דיא וועלט: יד (הוא היה אומר) הלל פלעגט זאגין (אם אין אני לי) אויב איך אליין וועל ניט זארגין פאר מיר איך זאל האבען תורה אונ מצות (מי לי) ווער קען דאס זארגין פאר מיר (וכשאני לעצמי) אויב איך וועל גאר טאהן תורה אונ מצות פאר זיך אליין (מה אני) וואס בין איך. וויא פיל תורה אונ מצות קען איך האבען. גאר מען דארף מזכה זיין נאך אנדערע מענטשין אויך. וועל איך זוכה זיין דורך זייא אויך (ואם לא עכשיו אימתי) אונ אויב איך וועל ניט אן זאמלען תורה אונ מצות אויף דיא וועלט. ווען וועל איך זייא אן זאמלען. נאך דעם טויט קען מען שוין ניט טאהן קיין תורה אונ מצות: טו שמאי זאגט (עשה תורתך קבע) מאך דיין תורה צאוים גיזעצטע זאך. דוא זאלסט ניט

אמור מעט ועשה הרבה. והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות: **טז** רבן גמליאל אומר עשה לך רב והסתלק מן הספק. ואל תרבה לעשר אומדות: **יז** שמעון בנו אומר כל ימי גדלתי בין החכמים ולא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה. ולא המדרש הוא העיקר אלא המעשה. וכל המרבה

לבני ישראל. כמו שהכין לבו לעשות. כך היה מלמד לבני ישראל: אמור מעט ועשה הרבה. כמו שמצינו באברהם אבינו ע"ה שאמר תחלה (בראשית יד) ואקחה פת לחם ובסוף ויקח בן בקר רך וטוב: והוי מקבל את כל האדם. כשאתה מכניס אורחים לביתך לא תתן להם ופניך כבושות בקרקע. שכל הנותן פניו כבושות בקרקע אפילו נתן כל מתנות שבעולם מעלין עליו כאלו לא נתן כלום. ג' אזהרות הזהיר שמאי כנגד ג' מעלות שהזכיר ירמיה. חכם גבור ועשיר. כנגד חכם אמר עשה תורתך קבע. כנגד עשיר אמר. אמור מעט ועשה הרבה. כנגד גבור אמר הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות. שיכבוש יצרו וילחום כנגד לבו הרע. ושנינו איזהו גבור הכובש את יצרו: **טז** עשה לך רב. לענין הוראה מדבר עכשיו. אם בא דין לפניך ונסתפקת בו עשה לך רב: והסתלק מן הספק. ולא תפסוק עליו אתה לבדך כי הא דרבה כי הוה אתי טריפתא לגביה הוי מכניף לכלהו טבחי דמתא מחסיא אמר כי היכי דלמטיין שיבא מכשורא: ואל תרבה לעשר אומדות. שהמפרישים מעשרות מאומד אינו נצול מן הקלקלה אם פוחת ממה שראוי ליתן מעשרותיו מתוקנים ופירותיו מקולקלים. ואם העדיף על שהיה ראוי ליתן. פירותיו מתוקנים ומעשרותיו מקולקלים: **יז** ולא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה. מי ששומע חרפתו ושותק: ולא המדר' הוא עיקר אלא המעשה. ותדע לך ששתיקה טובה. שאפי' המדרש והדרש והדבור בתורה שאין לך מדה טובה הימנה אין עיקר קבול השכר אלא בשביל המעשה. והדורש ואינו מקיים נאה לו אם היה שותק ולא היה דורש: וכל המרבה דברים מביא חטא. שכן מצינו בחוה שהרבתה דברים ואמרה אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו. והוסיפה נגיעה שלא נאסרה בה ודחפה נחש עד שנגעה בו. ואמר לה כשם שאין מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה. ומתוך כך באתה לידי חטא שאכלה מן הפרי סוף

---

לערנען צוא צייטין ווייז אמאהל. נאר דו זאלסט לערנען שטענדיג אלע טאג (אמור מעט ועשה הרבה) דוא זאלסט צוא זאגין ווייניג. אונ דוא זאלסט טאהן פיל (והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות) אונ דוא זאלסט אויף נעמען יעדער מענטש וואס קומט צוא דיר מיט אפרייליך פנים: טז רבן גמליאל זאגט (עשה לך רב) דוא זאלסט ניט פסקנן אליין אדין. נאר דוא זאלסט דיר מאכען ארבי אונ זאלסט ביי אים פרעגין אויב דוא לערונסט גוט דעם דין (והסתלק מן הספק) וועסטו אפ גיטאהן ווערין פון א ספק. וועט דיר ניט זיין קיין ספק. וואָרום דער רבי וועט דיר אלץ זאגין (ואל תרבה לעשר אומדות) אונ אז דוא גיבסט מעשר פון דיינע תבואה. זאלסטו ניט געבין שאצענדיג. אפילו דוא וועסט מער געבין. נאר דוא זאלסט אפ מעסטן אריכטיגע צענטע טייל: יז (שמעון בנו אומר) שמעון דר זון פון רבן גמליאל זאגט (כל ימי גדלתי בין החכמים) מיינע אלע יאהרין בין איך גיצויגין גיוואָרין צווישען חכמים (ולא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה) אונ איך האב ניט גיפונען צום גוף קיין בעסערע זאך וויא שווייגין איז. אז איינער זידעלט אים אדער ער שעלט אים. זאל ער שווייגין אונ ניט ענטפערין (ולא המדרש הוא העיקר אלא המעשה) אונ ניט דיא דרשה איז דער עיקר. נאר דאס טאהן. ניט וואס מען דרשנט שיין נאר וואס מען טוהט שיינע מעשים (וכל המרבה דברים מביא חטא) אונ דער וואס רעט פיל ברייננט דאס אים צוא עבירות.

דברים מביא חטא: יח רבן שמעון ב"ג אומר על שלשה דברים העולם עומד. על הדין. ועל האמת. ועל השלום. שנאמר (זכריה ח) אמת ומשפט שלום. שפטו בשעריכם:

פרק ב רבי אומר איזהו דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם. והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה. שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות. והוי מחשב הפסד מצוה

ששלמה אומר (משלי ל) אל תוסף על דבריו פן יוכיח בך ונכזבת: יח העולם עומד. ישובו של בני אדם מתקיים. אין זה כמו העולם עומד דלעיל: על הדין. לזכות את הזכאי. ולחייב את החייב: ועל האמת. שלא ישקרו איש בעמיתו: ועל השלום. בין המלכיות ובין אדם לחברו:

פרק ב רבי אומר שיבור. שיבור: כל שהיא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם. שיהא נוח לו. ויהיו נוחין בני אדם ממנו אם יהיה הולך בכל המדות בדרך האמצעי ולא יטה לאחד משני הקצוות שאם הוא כילי ביותר. יש תפארת לו שמוסיף ממון הרבה. אבל אין בני אדם מפארין אותו במדה זו. ואם הוא מפזר יותר מן הראוי. בני אדם המקבלים ממנו מפארים אותו. אבל אינו תפארת לעושיה. ואינו נוח לו שהוא בא לידי עניות בשביל כך. אבל מדת הנדיבות שהיא אמצעית בין הכילות והפיזור. היא תפארת לעושיה. שמשמר את ממונו ואין מפזר יותר מן הראוי: ותפארת לו מן האדם. שבני אדם מפארים אותו שנותן כמו שראוי לו ליתן. וכן הדין בכל שאר המדות: שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות. לא נתפרש בתורה שכר המקיים מצות עשה. ולא עונש המבטל מעשייתן. דאילו עונשן של מצות לא תעשה מפורשין הן. סקילה שריפה. הרג. וחנק. כרת ומיתה בידי שמים. ומלקות. הנוהג הקל לעבירה הקלה והחמור לחמורה: והוי מחשב הפסד מצוה. מה שאתה מפסיד מסחורתך וממונך מפני עסק המצוה כנגד השכר שיעלה לך ממנה בעוה"ז או בעוה"ב

---

פון פיל ריידין קומט מען צוא רכילות אונ לשון הרע אונ נאך אנדערע שלעכטע רייד: יח רבן שמעון בן גמליאל זאגט (על שלשה דברים העולם קיים) אויף דרייא זאכין שטייט דיא וועלט (על הדין ועל האמת ועל השלום) אויף משפט. אז צווייא מענטשין קריגען זאלין זייא גיין צוא א דין תורה. אונ זייא זאלין טאהן וויא דער דיין פסק'ט. אונ איינער מיט דעם אנדערין זאל ריידין אמת. אונ עס זאל זיין שלום צווישען אלע מענטשין (שנאמר) אזוי ווי דער פסוק זאגט (אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם) איר זאלט איין פיהרען אין אייערע שטעט איינער מיט דעם אנדערין זאל ריידין אמת. אונ מען זאל גיין צוא א דין תורה אונ עס זאל זיין שלום צווישען מענטשין:

פרק ב א רבי זאגט (איזהו דרך ישרה שיבור לו האדם) וועלכע איז דיא גלייכע וועג וואס דער מענטש זאל אויסקלויבין (כל שהיא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם) אז דיא זאך איז שיין פאר דעם מענטש וואס טוהט איר. אונ עס איז אים שיין פאר אנדערע מענטשין. דאס מיינט מען דער מענטש זאל גיין אין אמיטעל וועג. ער זאל ניט זיין צוא פיל קארג. אונ זאל ניט צוא פיל אוועק געבין. אונ אזוי בייא אנדערע מדות (והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה) אונ דוא זאלסט היטען צוא טאהן א גרינגע מצוה אזוי וויא דוא היטסט צוא טאהן א שווערע מצוה (שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות) ווארום דוא ווייסט ניט פאר וועלכע מצוה מען גיט מער שכר (והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה) אונ דוא זאלסט רעכענען דעם שאדין וואס דוא האסט אויף דיא וועלט דורך דיא מצוה

היפא יותר מאותו הפסד: ושכר עבירה. כנגד הנאה שאתה נהנה בעבירה. כנגד הפסד שעתיד לבא לך ממנה: ב דרך ארץ. מלאכה או סחורה: שיגיעת שניהם משכחת עון. שהתורה מתשת כחו של אדם והמלאכ׳ מפרכת ומשברת את הגוף ומתוך כך יצה"ר בטל ממנו: וכל תורה שאין עמה מלאכה. וא"ת יהא עמל בתורה תמיד ויגיעתה תהא משכחת עון. ומה צורך למלאכה. לכך הוזקק לומר וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה. לפי שא"א לו בלא מזונות. ומלסטם את הבריות ומשכח תלמודו: יהיו עוסקין עמהם לשם שמים. לא כדי ליטול עטרה לומר כך וכך עשיתי בשביל הצבור: מסייעתן. שזכות אבותן של צבור וצדקתן העומדת לעד היא המסייעת את העוסקין עמהן להוציא לאור צרכן ולא מצד טוב השתדלותן של העוסקים: ואתם מעלה אני

כנגד שכרה. ושכר עבירה כנגד הפסדה. והסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה. דע מה למעלה ממך. עין רואה ואוזן שומעת. וכל מעשיך בספר נכתבין: ב ר"ג בנו של ר' יהודה הנשיא אומר. יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ. שיגיעת שניהם משכחת עון. וכל תורה שאין עמה מלאכה. סופה בטלה. וגוררת עון. וכל העמלים עם הצבור. יהיו עמלים עמהם לשם שמים. שזכות אבותם מסייעתן וצדקתם עומדת לעד. ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאילו עשיתם

---

וואס דו טוהסט. געגין דעם שכר וואס דו וועסט האבין אויף עולם הבא (ושכר עבירה כנגד הפסדה) אונ דו זאלסט רעכענען דעם פארדינסט וואס דו האסט אויף דיא וועלט פון דיא עבירה וואס דו טוהסט. געגין דעם שאדין וואס דו וועסט האבין אויף עולם הבא (והסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה) דו זאלסט אייביג טראכטין יאיין קוקען) אין דיא דרייא זאכין וועסטו ניט קומען צוא טאהן אעבירה (דע מה למעלה ממך) וויים וואס איבער דיר איז (עין רואה) דיא אויג פון גאט וואס זעהט אלין וואס דו טוהסט (ואוזן שומעת) אונ דער אויער פון גאט וואס הערט אלין וואס דו רעדסט (וכל מעשיך בספר נכתבים) אונ אלין וואס דו טוהסט ווערט פאר שריבען אין אבוך: ב רבן גמליאל דער זוהן פון רבי יהודה הנשיא זאגט (יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ) נעם איז גוט מען זאל לערנען תורה אונ מען זאל טאהן אמלאכה אדער מען זאל האנדלען אויך (שיגיעת שניהם משכחת עון) וואס דער מענטש מאטערט זיך אין ביידע זאכין ואין תורה אונ אין ארבעט) דאס מאכט אים פארגעסין צו זינדיגען (וכל תורה שאין עמה מלאכה) אונ דער וואס לערנט תורה אונ האט ניט גילערונט איין ארבעט פון וואס צוא פארדינען (סופה בטלה) דער סוף וועט זיין ער וועט מוזין אויף הערין צוא לערנען ווארום ער וועט ניט האבין וואס צוא עסין (וגוררת עון) אונ דאס וועט אים ברייגגען צוא עבירות. ער וועט גנבען אונ גזלען (וכל העמלים עם הצבור) אונ דיא וואס ארבעטין אין שטאט זאכין פאר פיל מענטשינם וועגין (יהיו עמלים עמהם לשם שמים) זאלין זייא ארבעטין פון גאטס וועגין. ניט פון זייער הנאה וועגין אונ ניט פאר גרויסקייט. זייא זאלין האבין כבוד (שזכות אבותם מסייעתם) ווארום דער זכות פון דיא עלטערין פון דיא שטאט מענטשין העלפט צוא דיא פירערס זייא זאלין קענען אויס פירען פאר דיא מענטשין פון שטאט אלין וואס זייא דארפין (וצדקתם עומדת לעד) אונ דיא צדקות פון דיא עלטערין פון דיא שטאט מענטשין שטייט פון זייערט וועגין אויף אייביג (ואתם) אונ איר פירערס פון שטאט (מעלה אני עליכם שכר

עליכם שכר. אע"פ שאין הדבר בא לידי עשייה אותה מצוה שנתבטלתם ממנה: גמר טוב מלך מעשיכם אלא בשביל זכות ג הוו זהירים ברשות. אתם שמתעסקים אבותם של צבור. מעלה אני עליכם שכר בצרכי צבור אע"פ שאתם צריכים להשתודע כאלו אתם עשיתם הישועה הזאת בישראל לרשות כדי לפקח על עסקי רבים. הוו

הואיל ואתם עוסקים לשם שמים. פירוש אחר כל העוסקים עם הצבור להכריח ולכוף את הצבור לדבר מצוה לצדקה או לפדיון שבוים יהיו עוסקים עמהם לשם שמים שזכות אבות של צבור מסייעתן לתת מה שפסקו

עשיתם: ג הוו זהירין ברשות שאין מקרבין לו לאדם. אלא לצורך עצמן. נראין כאוהבין בשעת הנאתן. ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו: ד הוא היה אומר. עשה רצונו כרצונך. כדי שיעשה רצונך כרצונו. בטל רצונך מפני רצונו. כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך. הלל אומר אל תפרוש מן הצבור. ואל תאמן בעצמך

זהירים וכו': ד עשה רצונו כרצונך. פזר ממונך בחפצי שמים כרצונך. כאלו פזרת אותה בחפציך. שאם עשית כן יעשה רצונך כרצונו כלומר יתן לך טובה בעין יפה: כדי שיבטל רצון אחרים. יפר עצת כל הקמים

עליהם ואפילו ממון הרבה. והצדקה שיעשו תעמוד להם לעד ואתם שמתעסקים לכוף את הצבור למצוה זו מעלה אני עליכם שכר כאלו עשיתם זאת המצוה מממונכם ממש. ורמב"ם פירש ואתם מעלה אני עליכם שכר כאלו עשיתם. אם בשעה שאתם עוסקים עם הצבור נתבטלתם מעשיית איזו מצוה בשביל עסקי הצבור מעלה אני עליכם שכר כאלו

עליך לרעה. ואני שמעתי שאין זה אלא דרך כבוד כלפי מעלה והרי הוא כאילו כתוב כדי שיבטל רצונו מפני רצונך. כאותה שאמרו בפרק במה אשה (דף סג) כל העושה מצוה כתקנה אפילו גזר דין של ע' שנה מתבטל מעליו: אל תפרוש מן הצבור. אלא השתתף בצרתם שכל הפורש מן הצבור אינו רואה בנחמת הצבור: ואל תאמן בעצמך עד

---

הרבה כאלו עשיתם) זאגט גאט איך רעכין אויף אייך פיל שכר אייך צוא געבין גלייך ווייא איר וואלט אלץ אליין גיטאהן: ג (הוו זהירין ברשות) דיא מענטשין וואס גייען צוא אשררה זאלין זיין געהיט אונ זאלין זיך ניט פאר לאזין אויף אזעלכע (שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן) וואס זענען נאר גוט צוא אמענטשין ווען זייא דארפין דעם מענטשין פאר זיך (נראין כאוהבין בשעת הנאתן) אונד ווייזין זיך דאמאלס פאר גוטע פריינד ווען זייא דארפין פון אים הנאה האבין (ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו) אונ זייא שטייען ניט נוט צום מענטשין ווען דעם מענטשין איז היינג: ד (הוא היה אומר) רבן גמליאל פלעגט זאגין (עשה רצונו כרצונך) דוא זאלסט טאהן דעם ווילען פון גאט אזוי וויא דוא טוהסט דיין ווילען (כדי שיעשה רצונך כרצונו) גאט זאל טאהן דיין ווילען וויא זיין ווילען איז דיר נוטס צוא טאהן (בטל רצונך מפני רצונו) דוא זאלסט מבטל זיין דיין ווילען עס זאל גאר ניטאהן ווערין דער ווילען פון גאט (כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך) ווערט גאט מבטל זיין דעם ווילען פון אנדערע מענטשין. וואס ווילען דיר שלעכטס טאהן נאר דיין ווילען זאל בלייבין (הלל אומר) הלל זאגט (אל תפרוש מן הצבור) דוא זאלסט דיך ניט אפ שיידין פון דיינע שטאט מענטשין. אדער פון אנדערע פיל מענטשין. אויב זייא איז חז שלעכט. זאלסטו אויך צער האבין אונ זאלסט זייא העלפין מיט וואס דוא ווערסט קענען (ואל תאמן בעצמך עד יום מותך) אויב דוא ביסט אצדיק זאלסטו ניט גלויבין אז דוא ווערסט אייביג אזוי זיין. נאר מארגין אדער אין אנדער טאג קען דיך דער יצר הרע אבין פירען אין אעבירה. דריבער זאלסטו דיך היטען פאר דעם יצר הרע ביז דעם

עד יום מותך. ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע שסופו להשמע. ואל תאמר לכשאפנה אשנה. שמא לא תפנה: ה הוא היה אומר אין בור ירא חטא. ולא עם הארץ חסיד. ולא הביישן למד. ולא הקפדן מלמד. ולא כל המרבה בסחורה מחכים. ובמקום שאין אנשים. השתדל להיות

יום מותך. שהרי יוחנן כהן גדול שמש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף נעשה צדוקי: ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. אם ראית חברך שבא לידי נסיון ונכשל. אל תדינהו לחובה עד שתגיע לידי נסיון כמותו ותנצל: ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע שסופו להשמע. כלומר לא יהיו דבריך מסופקים. שאי אפשר להבינם בתחלה ובעיון ראשון. ותסמוך שאם יעמיק השומע בהם לבסוף יבינם. כי זה יביא בני אדם לטעות בדבריך שמא יטעו ויצאו מן הדת על ידיך. פי' אחר לא תגלה סודך אפילו ביניך לבין עצמך ותאמר שאין כאן מי שישמעך לפי שסופו להשמע כי עוף השמים יוליך את הקול. והגירסא היא לפי פי' זה שסופו להשמע אבל רש"י גורס ואל תאמר דבר שאפשר לשמוע שסופו להשמע ובדברי תורה מדבר אל תאמר על דבר תורה שאתה יכול לשמוע עכשיו שתשמע אותו לבסוף אלא הט אזניך ושמע מיד: לכשאפנה. מעסקי אעסוק בתורה: ה בור. ריק מכל דבר ואפי' בטיב משא ומתן אינו יודע. והוא גרוע מעם הארץ. תרגום והאדמה לא תשם. וארעא לא תבור: ולא עם הארץ חסיד. אבל ירא חטא אפשר שיהיה שהרי הוא בקי בטיב משא ומתן: ולא הביישן למד. שהמתבייש לשאול שמא ילעיגו עליו. ישאל תמיד בספקותיו: ולא הקפדן. הרב שמקפיד על התלמידים כששואלים אותו לא ילמד כראוי. אלא צריך שיסביר פנים בהלכה לתלמידיו: ולא כל המרבה בסחורה מחכים. דכתיב (דברים ל) ולא מעבר לים היא. אין התורה מצויה באותם שהולכים מעבר לים: ובמקום שאין אנשים. לישב בראש

טאג וואס דוא וועסט שטארבן (ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו) אויב דוא וועהסט דיין חבר האט געטאהן א עולה זאלסטו ניט טראכטן אויף אים צוא שלעכץ. גאר זאלסט זאגן טאמער אז איך וואלט געווען אזוי וויא ער. וואלט איך אויך ניט בעסער געטאהן (ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע) אונ דוא זאלסט ניט זאגן אזוי אזאך וואס מען קען ניט פארשטיין וואס דוא זאגסט. אונ זאלסט ניט זאגן (שסופו להשמע) דער סוף וועט זיין מען וועט פארשטיין. טאמער וועט מען שפעטער אויך ניט פארשטיין (ואל תאמר לכשאפנה אשנה) אונ דוא זאלסט ניט זאגן אז איך וועל פרייא ווערין פון מיינע געשעפטן וועל איך לערנען (שמא לא תפנה) טאמער וועסטו ניט פרייא ווערין: ה (הוא היה אומר) הלל פלעגט זאגן (אין בור ירא חטא) אליידיגער מענטש וואס קען ניט לערנען תורה אונ ניט קיין מלאכה אונ ווייס ניט קיין האנדיל. דער ווייס ניט מורא צוא האבן פאר עבירה (ולא עם הארץ חסיד) אונ דער מענטש וואס האנדילט אדער ער טוהט א מלאכה גאר ער קען ניט לערנען. ווייס ער ניט ווי צו זיין א חסיד (ולא הביישן למד) אונ דער וואס שעמט זיך צוא פרעגין וואס ער ווייס ניט. וועט ער ניט קענען לערנען (ולא הקפדן מלמד) אונ דער וואס איז אין כעס אויף זיינע תלמידים אז זייא פרעגין אים וואס זייא ווייסין ניט. דער קען ניט זיין א מלמד (ולא כל המרבה בסחורה מחכים) אונ דער וואס האנדילט פיל קען ניט קלוג ווערין אין דיא תורה (ובמקום שאין אנשים השתדל להיות איש) אונ אויף דעם ארט וואו עס איז ניטא קיין מענטשן צו

איש: ו אף הוא ראה גולגלת אחת שצפה על פני המים. אמר (לה) על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון: ז הוא היה אומר מרבה בשר מרבה רמה. מרבה נכסים. מרבה דאגה. מרבה נשים. מרבה כשפים. מרבה שפחות. מרבה זמה. מרבה עבדים. מרבה גזל. מרבה תורה. מרבה חיים. מרבה ישיבה. מרבה חכמה. מרבה

ולהורות הוראות: ו על דאטפת אטפוך. לפי שהיית ומלסטס את הבריות ומציף אותם בנהר. ובאותה מדה מדדו לך: וסוף מטיפיך יטופון. שלא היה הדבר מסור בידן להרגך אלא לבית דין והקב"ה מסרך בידן שנתגלגלה חובה ע"י חייב ועתיד הוא אחר כך להתבע מהן מיתתך: ז מרבה בשר מרבה רמה. שמרבה באכילה ושתיה עד שנעשה שמן ובעל בשר מרבה עליו רמה בקבר וקשה רמה למת כמחט בבשר החי וקמ"ל האי תנא שכל רבויין קשי' לאדם חוץ מרבוי תורה וחכמה וצדקה: מרבה דאגה. שמא יגזלוהו או מבית המלך או שמא יבואו עליו לסטים ויהרגוהו. וחסיד אחד היה מתפלל המקום יצילני מפזור הנפש. ושאלו ממנו מהו פזור הנפש. אמר להם שיהיו לו נכסים מרובים מפוזרים במקומות הרבה וצריך לפזר נפשו לחשוב לכאן ולכאן: מרבה נשים מרבה כשפים. הדרא נקיט ואזיל בתחלה אדם רעב מקשט עצמו ואוכל ושותה ומרבה בשר. ואח"כ מבקש להרבות נכסים. ולאחר שהרבה נכסים ורואה שיש בידו סיפוק לפרנס נשים רבות. הוא מרבה נשים. ולאחר שהרבה נשים. כל אחת צריכה שפחה שתשמשנה. הרי מרבה שפחות. וכיון שיש לו בני בית מרובין צריך לשדות וכרמים לספק יין ומזון לבני ביתו ומרבה עבדים לעבוד השדות והכרמים. לכך הן שנויין בסדר זה: מרבה תורה מרבה חיים. (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך: מרבה חכמה. שנותן טעם לדבריו. והסברות שלו מתיישבות על לב השומעין: מרבה ישיבה. הרבה תלמידים מתקבלים ובאים לשמוע סברותיו ואית דגרסי מרבה ישיבה מרבה חכמה מי שמרבה בתלמידים התלמידים מחדדי' אותו. ומרבין ומוסיפין על חכמתו: מרבה עצה. מי שמרבה

---

פסקנן דינים. זאלסטו לערנען טאג אונ נאכט אז דוא זאלסט קענען ווערין אמורה הוראה פאר זייא: ו (אף הוא ראה גולגולת אחת שצפה על פני המים) הלל האט אמאהל גיזעהן אקאפ שווימט אויף דעם וואסער (אמר לה) האט הלל גיזאגט צוא דיא קאפ (על דאטפת אטפוך) ווייל דוא האסט אמאהל אמענטשין דער טרונקען האט מען דיך דער טרונקען (וסוף מטיפיך יטופון) אונ דער סוף וועט זיין דיא וואס האבין דיך דער טרונקען וועט מען זיי דער טרינקען: ז (הוא היה אומר) הלל פלעגט זאגין (מרבה בשר) דער וואס מערט אויף זיך פלייש. ער עסט אונ טרינקט. ער זאל ווערין פעט (מרבה רמה) מערט ער אויף זיך ווערים אין קבר. יעדער ווארעם וואס טוהט אביס דעם מענטש אין קבר. שטעכט דאס אים אזוי וויא אנאדיל אין אלעבעדיגען מענטש (מרבה נכסים) ווער עס מערט זיין פאר מעגין. פיל געלט. אונ זילבער. אונ צירונג (מרבה דאגה) מערט ער זארג. מען זאל ניט גנבנן בייא אים אונ ניט גזלנן (מרבה נשים) אז ער נעמט פיל ווייבער (מרבה כשפים) האט ער בייא זיך אין שטוב פיל כישוף (מרבה שפחות) אז ער האט פיל דינסטין (מרבה זמה) איז בייא אים אין שטוב פיל זנות (מרבה עבדים) אז ער האט פיל קנעכט (מרבה גזל) איז בייא אים אין שטוב פיל גזלה (מרבה תורה) אבער אז ער לערנט פיל תורה (מרבה חיים) מערט ער זיך לעבין. וועט ער לאנג לעבין (מרבה ישיבה) דער וואס מערט עס זאלין בייא אים זיצען פיל תלמידים (מרבה חכמה) וועט אים גימערט ווערין זיין חכמה אין דיא תורה (מרבה עצה) דער

עצה. מרבה תבונה. מרבה צדקה מרבה שלום. קנה שם טוב. קנה לעצמו. קנה לו דברי תורה. קנה לו חיי העולם הבא: ח רבן יוחנן בן זכאי קבל מהלל ושמאי. הוא היה אומר אם למדת תורה הרבה. אל תחזיק טובה לעצמך. כי לכך נוצרת. חמשה תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי ואלו הן. ר' אליעזר בן הורקנוס. ור' יהושע בן חנניה. ור' יוסי הכהן. ור' שמעון בן נתנאל. ור' אלעזר בן ערך. הוא היה מונה שבחן. ר' אליעזר בן הורקנוס בור סיד שאינו מאבד טפה. רבי יהושע אשרי יולדתו. רבי יוסי חסיד. ר' שמעון בן נתנאל ירא חטא. ור' אלעזר בן ערך מעין המתגבר.

לטול עלה: מרבה תבונה. מבין דבר מתוך דבר. מעלות שיועילו נותנים לו: מרבה צדקה מרבה שלום. שנאמר (ישעיה לב) והיה מעשה הצדקה שלום: ח אל תחזיק טובה לעצמך. לומר הרבה תורה למדתי ולפי שהוא לא הניח לא מקרא ולא משנה הלכות ואגדות. שלא למד. היה אומר כן: בור סוד גרסי'. ולא בור סיד. כלומר כבור טוח בסיד: שאינו מאבד טפה. כך הוא אינו שוכח דבר אחד מתלמודו: אשרי יולדתו. מאושר במדות טובות עד שכל העולם אומרים עליו אשרי מי שיולדתו. וי"א ע"ש שהיא גרמה לו שיהא חכם. שהיתה מחזרת על כל בתי מדרשות שבעירה. ואומרת להם בבקשה מכם בקשו רחמים על העובר הזה שבמעי שיהיה חכם ומיום שנולד לא הוציאה (עריסתו) מבה"מ. כדי שלא יכנסו באזניו אלא ד"ת: חסיד. שעושה לפנים משורת הדין: ירא חטא. מחמיר על עצמו ואוסר עליו דברים המותרים מיראתו שמא יבא לידי חטא. דאל"כ מאי רבותיה אפילו ע"ה אפשר להיות ירא חטא: מעין

ואס פרעגט פיל עצות ביא פיל מענטשין (מרבה תבונה) וועט אים גימערט ווערין זיין פערשטאנד (מרבה צדקה) דער וואס גיט פיל צדקה (מרבה שלום) וועט ער האבין פיל שלום. אלע מענטשין וועלין זיין זיינע גוטע פריינד (קנה שם טוב) אז ער קויפט זיך א גוטען נאמען (קנה לעצמו) האט ער דעם נאמען גיקויפט פאר זיך (עתי"ש) (קנה לו דברי תורה) אז ער האט גיקויפט תורה. ער האט תורה גילערנט (קנה לו חיי העולם הבא) האט ער גיקויפט עולם הבא: ח (רבן יוחנן בן זכאי קבל מהלל ושמאי) רבן יוחנן בן זכאי האט גילערנט פון הלל און פון שמאי (הוא היה אומר) רבן יוחנן בן זכאי האט גיזאגט (אם למדת תורה הרבה) אויב דוא האסט גילערנט פיל תורה (אל תחזיק טובה לעצמך) זאלסטו דיר דאס ניט האלטין פאר א גוטהייט (כי לכך נוצרת) ווארום דער צוא ביסטו בשאפין גיווארען אויף די וועלט (חמשה תלמידים היו לו לריב"ז) רבן יוחנן בן זכאי הט גיהאט פינף תלמידים (ואלו הן) און דאס זענען זייא. רבי אליעזר בן הורקנוס. רבי יהושע בן חנניה. רבי יוסי הכהן. רבי שמעון בן נתנאל. רבי אלעזר בן ערך (הוא היה מונה שבחן) רבי יוחנן בן זכאי האט גיציילט דעם לויב פון דיא פינף תלמידים. רבי אליעזר בן הורקנוס (בור סוד שאינו מאבד טפה) איז אזוי וויא א גרוב וואס איז אינווייניג אויס גיקאלכט מיט וואפנע. וואס עס ווערט ניט פאר לארין איין טראפין פון דיא משקה וואס אין גרוב. אזוי פאר געסט ניט רבי אליעזר בן הורקנוס איין ווארט פון וואס ער האט גילערנט. רבי יהושע (אשרי יולדתו) וואהל צוא זיין מוטער וואס האט אזוי אזוהן גיבארין (רבי יוסי חסיד) רבי יוסי איז א חסיד. רבי שמעון בן נתנאל (ירא חטא) האט מורא צוא טאהן אין עבירה. ורבי אלעזר בן ערך איז (מעין המתגבר) אזוי ווי א קוואל וואס די וואסער שטארקט זיך אין אים. אזוי שטארקט

המתגבר. לבו רחב ומוסיף פלפול לו ואינו מבקש דברים יתירים ואינו מקנא וסברות מדעתו: אבא שאול אומר משמו. כשרואה שיש לחבריו יותר ממנו: חבר של רבן יוחנן בן זכאי: ואלעזר בן ערך טוב. שמוכיחו כשרואהו עושה דבר בכף שניה. מצאתי כתוב דאבא שאול זה שאינו סגן: שכן טוב. מצוי אצלו בין ביום נחלק על ת"ק. ושמי

הדברים אמרם רבן יוחנן בן זכאי והניחם אמת. דלפניך הבקיאות והזכרון היה רבי אליעזר מכריע. ולפניך החריפות והפלפול היה רבי אלעזר בן ערך מכריע: ט עין טובה. מסתפק במה שיש

**הוא היה אומר אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים. ואליעזר בן הורקנוס בכף שניה מכריע את כלם. אבא שאול אומר משמו. אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים. ור' אליעזר בן הורקנוס אף עמהם. ור"א בן ערך בכף שניה. מכריע את כלם: ט אמר להם צאו וראו איזוהי דרך ישרה שידבק בה האדם. ר' אליעזר אומר עין טובה. ר' יהושע אומר חבר טוב. ר' יוסי אומר שכן טוב. ר' שמעון אומר הרואה את הנולד. ר' אלעזר אומר לב טוב. אמר להם רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם. שבכלל דבריו דבריכם. אמר להם**

בין בלילה. ואינו חבר טוב אינו מצוי אצלו בכל עת: הרואה את הנולד. צופה ומבין במה שעתיד להיות ומתוך כך נמצא מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה. ושכר עבירה כנגד הפסדה: לב טוב. לפי שהלב הוא המניע

צאו

---

זיך די תורה פון רבי אלעזר בן ערך אלע מאהל מעהר (הוא היה אומר) רבן יוחנן בן זכאי פלעגט זאגן (אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים) אויב אלע יודישע חכמים וועלין זיין אין איין וואג שאל (ואליעזר בן הורקנוס בכף שניה) אונ אליעזר בן הורקנוס וועט זיין אין אנדערין וואג שאל (מכריע את כלם) וועט רבי אליעזר בן הורקנוס איבער וועגין אלע חכמים (אבא שאול אומר משמו) אבא שאול זאגט פון רבן יוחנן בן זכאים וועגין (אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים) אויב אלע יודישע חכמים וועלין זיין אין איין וואג שאל (ורבי אליעזר בן הורקנוס אף עמהם) אונ רבי אליעזר בן הורקנוס וועט אויך זיין מיט זיי אין דיא גלייכע וואג שאל (ורבי אלעזר בן ערך בכף שניה) אונ רבי אלעזר בן ערך וועט זיין אין אנדערין וואג שאל (מכריע את כלם) וועט רבי אלעזר בן ערך איבער וועגין אלע חכמים:

ט (אמר להם) רבן יוחנן בן זכאי האט גיזאגט צוא זיינע תלמידים (צאו וראו איזהו דרך ישרה שידבק בה האדם) גייט ארויס אונ זעהט וועלכע איז דיא גלייכע וועג וואס א מענטש זאל זיך אין איר בהעפטין. רבי אליעזר זאגט (עין טובה) אגוטע אויג ווער עס איז ניט מקנא קיינעם. אונ ער אליין בנוגענט זיך מיט וויא פיל ער האט. רבי יהושע זאגט (חבר טוב) מען זאל האבען אגוטען חבר. ער זאל אים שטענדיג שטראפין ווען ער וועט טאהן עפעס אומרעכט. רבי יוסי זאגט (שכן טוב) מען זאל האבין אגוטען שכן. ווארום אשכן איז מער מיט אים וויא אחבר. ווארום ער זעהט זיך מיט אים אפילו ביי נאכט. רבי שמעון זאגט (הרואה את הנולד) דער וואס זעהט וואס עס וועט ווערין פון דיא זאך וואס ער טוהט. וועט ער זיך היטען ער זאל ניט טאהן קיין שלעכטע זאך. רבי אלעזר זאגט (לב טוב) מען זאל האבין אגוט הארץ (אמר להם) האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט צוא זיינע תלמידים (רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם) איך זעה אונ עס גיפעלט מיר דיא רייד פון רבי אלעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד (שבכלל דבריו דבריכם) ווארום אין זיינע רייד

צאו וראו איזוהי דרך רעה שיתרחק ממנה האדם. ר' אליעזר אומר עין רעה. ר' יהושע אומר חבר רע. ר' יוסי אומר שכן רע. רבי שמעון אומר הלוה ואינו משלם. אחד הלוה מן האדם. כלוה מן המקום ברוך הוא. שנא' (תהלים לז) לוה רשע ולא ישלם וצדיק חונן ונותן. ר' אלעזר אומר לב רע. אמר להם רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם. שבכלל

לכל אשר הכחות והוא המקור שממנו נובעים כל הפעולות. ואע"פ שיש לפעולות איברים מיוחדים מ"מ הכח המעורר לכל התנועות הוא בלב לפיכך אמר ר' אלעזר לב טוב. ומפני זה אמר רבי יוחנן בן זכאי רואה אני את דברי אלעזר בן ערך. מדבריכם: איזו היא דרך רע' שיתרחק ממנה האדם. הולך לשאול מהם זה. ולא הבין מתוך דבריהם הראשונים שהדרך הרעה היא הפך הדרך הטובה. לפי שלא כל מה שהוא טוב יהיה הפכו רע. כי מדת החסידות והוא שלא יבא לידי תקלה העושה לפנים משורת הדין היא טובה ומי שאינו חסיד ומעמיד דבריו על דין תורה אינו רע. ואפשר היה לומר שאם הסתפקו' והיא עין טובה היא דרך טובה בקשת היתרונות אינו דרך רעה לפי שאינו מזיק לשום אדם בזה וכן בשאר המדות לפיכך הולך לשאול מהם איזו היא דרך רעה שיתרחק ממנה האדם: הלוה ואינו משלם. הוא הפך הרואה את הנולד שאם לא ישלם לא ימצא מי שילונו. ויהיה מוטל ברעב. ולא אמר הפך מי שאינו רואה את הנולד לפי שאפשר לאדם שאינו רואה את הנולד. שיציל עצמו בבוא הנולד ההוא: וצדיק חונן ונותן. הקב"ה שהוא צדיקו של עולם חונן ונותן למלוה מה שלוה

איז אייערע רייד אויך. ווארום אז מען האט אגוט הארץ האט מען אגוט אויג. אונ מען בעקומט אגוטין חבר אונ אגוטין שכן. אונ מען טוהט ניט קיין שלעכטס (אמר להם) רבן יוחנן בן זכאי האט גיזאגט צוא זיינע תלמידים (צאו וראו איזוהי דרך רעה שיתרחק ממנה האדם) גייט ארויס אונ זעהט וועלכע איז דיא שלעכטע וועג וואס אמענטש זאל זיך פון איר דער ווייטערין. רבי אליעזר זאגט (עין רעה) אשלעכטע אויג. ער פאר גינט ניט קיין מענטשין וואס ער האט. רבי יהושע זאגט (חבר רע) דער וואס האט אשלעכטין חבר. ער רעט אים אן צוא אלעם שלעכטין. רבי יוסי זאגט (שכן רע) אז מען האט אשלעכטין שכן. לערנט מען זיך אפ צוא טאהן אלע שלעכטע זאכין וואס דער שכן טוהט. רבי שמעון זאגט (הלוה ואינו משלם) דער וואס בארגט געלט ביי זיין חבר אונ בצאהלט אים ניט (אחד הלוה מן האדם כלוה מן המקום ברוך הוא) דער וואס בארגט געלט פון אמענטש איז אלץ איינס וויא ער וואלט גיבארגט פון גאט (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (לוה רשע ולא ישלם) דער וואס בארגט אונ בצאהלט ניט הייסט ער ארשע (וצדיק חונן ונותן) אונ גאט וואס ער איז אצדיק שיינקט ער דעם מענטש וואס מען האט ביי אים גיבארגט אונ מען בצאהלט אים ניט. אנדערע געלט. אונ אז גאט האט בצאהלט פאר דעם רשע. איז דאך דער רשע שולדיג דעם חוב צוא גאט. רבי אליעזר זאגט (לב רע) דער וואס האט אשלעכט הארץ (אמר להם) האט רבן יוחנן בן זכאי גיזאגט צוא זיינע תלמידים (רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם) איך זעה אונ עס גיפעלט מיר דיא רייד פון רבי אלעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד (שבכלל דבריו דבריכם) ווארום אין זיינע רייד איז אייערע רייד אויך. ווארום אז מען האט אשלעכט הארץ האט מען אשלעכטע אויג אויך. אונ מען בעקומט שלעכטע חברים אונ שלעכטע שכנים ווייל גוטע מענטשין ווערין זיך ניט בהעפטין מיט

דבריו דבריכם: **י** הם אמרו שלשה דברים ר' אליעזר אומר יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך. ואל תהי נוח לכעוס. ושוב יום אחד לפני מיתתך. והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים. והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה. שנשיכתן נשיכת שועל. ועקיצתן עקיצת עקרב. ולחישתן לחישת שרף. וכל דבריהם כגחלי אש: **יא** ר' יהושע אומר עין הרע. ויצר הרע. ושנאת הבריות. מוציאין

שלוה זה ממנו ולא פרע לו כמלא שלוה שאר חייב למקום: **י** הם אמרו שלשה דברים. בדרך ארץ ומוסרים ובמדות. דאילו בענין האסור והמותר והפטור והחיוב דברים הרבה אמרו אי נמי אלו שלשתם דברים היו מרגלא בפומייהו תמיד: יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך. ואימתי יהא זה כשלא תהי נוח לכעוס. שאם אתה נוח לכעוס א"א שלא תזלזל בכבוד חברך הרי דבור אחד. ושוב יום אחד לפני מיתתך: הרי ב'. והג' הוי מתחמם כנגד אורן של חכמים וכו': שוב יום אחד לפני מיתתך. לפי שאין אדם יודע אימתי ימות יעשה תשובה היום שמא ימות למחר: והוי זהיר בגחלתן. שלא תהנה בהן קלות ראש: שלא תכוה. שלא תענש על ידן: נשיכת שועל. רפואתו קשה לפי ששיניו דקות עקומות ועקושות. וצריך הרופא לחתוך הבשר באזמל ולהרחיב הנשיכה: עקיצת עקרב. קשה מנשיכת נחש: ולחישתן. דבורן: לחישת שרף. כהבל היוצא מפי השרף ששורף בשעה שהוא לוחש. פי' אחר. השרף הזה אינו מקבל לחש כשאר נחשים כדכתיב (תהלים נח) אשר לא ישמע לקול מלחשים. כך תלמיד חכם אם תקניטנו ותבא לפייסו. אינו מקבל פיוס: **יא** עין הרע. כמו עין רעה. שאינו מסתפק במה שיש לו. ומחזר אחר דברים אחרים. ויש מפרשים עין הרע. שמכניס עין הרע בממון חבירו או בבניו ומזיק לו: ושנאת הבריות. שנאת חנם. ורמב"ם פי' שמואס חברת הבריות ואוהב לישב יחידי. ואני שמעתי אדם קשה שמביא עליו שנאת הבריות. וגורם שהכל

---

אים אונ וועלן ניט וואהגען געבן אים אונ ער בארגט אונ בצאהלט ניט: י (הם אמרו שלשה דברים) דיא תלמידים פון רבן יוחנן בן זכאי האבן געזאגט דרייא זאכן. רבי אליעזר זאגט (יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך) דער כבוד פון דיין חבר זאל זיין ביא דיר אזוי ליב וויא דיין כבוד (ואל תהי נוח לכעוס) אויב דוא וועסט נאר ניט זיין גרינג אין כעס צוא ווערן. וועסטו ליב האבן דיין חבר וויא זיך אליין. דאס איז איין זאך. דיא אנדערע זאך איז (ושוב יום אחד לפני מיתתך) דוא זאלסט תשובה טאהן איין טאג פאר דיין שטארבן. אונ ווייל אמענטש ווייס ניט ווען ער וועט שטארבן. מוז ער אלע טאג תשובה טאהן. אונ דיא דריטע זאך איז (והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים) דוא זאלסט דיך ווארעמען געגן דיא ליכטיגקייט פון דיא חכמים (והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה) נאר דוא זאלסט זיין געהיט דוא זאלסט דיך ניט פאר ברענגען אין זייערע קוילין דאס מיינט מען דיא רייד פון די חכמים זאלין דיך דער ווארעמען אונ דער וועקן צוא דינגען גאט. אונ דוא זאלסט דיך היטען זייא זאלין ניט אין כעס ווערין אויף דיר (שנשיכתן נשיכת שועל) דאס בייסן פון דיא תלמידי חכמים איז שווער צוא פאר היילין אזוי וויא דאס בייסן פון א פוקס (ועקיצתן עקיצת עקרב) אז דיא תלמידי חכמים גיבען א שטאך איז דאס אזוי וויא דער שטאך פון א עגדיס (ולחישתן לחישת שרף) אונ דיא רייד פון דיא תלמידי חכמים אז זייא פלוכין איינעם ברענט זייער קללה אזוי וויא דער גיפט פון א ברענענדיגען שלאנג (וכל דבריהם כגחלי אש) אונ זייערע אלע רייד איז אזוי וויא ברענענדיגע קוילין: יא רבי יהושע זאגט (עין הרע) דיא שלעכטע אונ

שונאים אותו: יב התקן עצמך ללמוד קבע. כאדם שיש עליו חובה דבר קבוע
תורה. שלא תאמר הואיל ואבי חכם. ואבי ואומר אימתי אפרוק מעלי חוב זה. אי נמי
אבא חכם. תורה חוזרת לאכסניא שלה קבע. כאדם שקבוע לו לקרא פרק אחד או
ואיני צריך לבקש אחרים: וכל מעשיך יהיו פרשה אחת שאומר אותה בקריאה בעלמא.

לש״ש. אף בשעה שאדם עוסק באכילה ושתיה. ובדרך ארץ. לא תתכוין ליהנות גופך אלא שתהיה בריא לעשות רצון קונך: יג הוי זהיר בקריאת שמע. לקרותו בעונתו. וכן בתפלה להתפלל כל תפלה ותפלה בעונתה:

את האדם מן העולם: **יב** ר׳ יוסי אומר יהי ממון חברך חביב עליך כשלך. והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך. וכל מעשיך יהיו לשם שמים: **יג** ר׳ שמעון אומר הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה. וכשאתה מתפלל. אל תעש תפלתך קבע. אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא. שנאמר (יונה ד) כי אתה אל חנון ורחום ארך אפים ורב חסד ונחם על הרעה. ואל תהי רשע בפני עצמך

ואינו אומרה בל׳ תחנונים. כאדם שמבקש רחמים: אל חנון ורחום. רוצה בתחנונים ועל ידי התחנונים הוא מרחם מיד: ואל תהי רשע בפני עצמך. אל תעשה דבר שסיום ולמחר תרשיע את עצמך בו. והרמב״ם

---

פון אמענטשין ווס ער איז מקנא וואס זיין חבר האט (ויצר הרע) אונ דיא שלעכטע גידאנקען וואס אמענטש האט אונ גלוסט צוא פיל זאכין אונ פערגעניגונגם (ושנאת הבריות) אונ דיא פיינדשאפט וואס ער האט צוא אלע מענטשין. אומזיסטע פיינדשאפט. אונ דורך דעם האבין אלע אים פיינד (מוציאין את האדם מן העולם) דיא זאכין ציהען אוים דעם מענטשין פון דיא וועלט. ער שטארבט פאר דיא צייט: יב רבי יוסי זאגט (יהי ממון חברך חביב עליך כשלך) דיין חברס געלט זאל זיין ביא דיר אזוי ליב וויא דיין געלט. אזוי וויא דוא ווילסט ניט שאדין האבין דיין געלט. אזוי זאלסטו היטען דיין חברס געלט. ער זאל אויך ניט שאדין האבין זיין געלט (והתקן עצמך ללמוד תורה) אונ דוא זאלסט דיך אן ברייטין צוא לערנען תורה (שאינה ירושה לך) דאס איז ניט וויא אירושה וואס קומט צוא אמענטשין גרינג. נאר אז מען מאטערט זיך ניט אין די תורה קען מען ניט (וכל מעשיך יהיו לשם שמים) אונ אלין וואס דוא טוהסט. זאל זיין ווייל גאט האט גיהייסין אזוי טאהן: יג רבי שמעון זאגט (הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה) דוא זאלסט זיין געהיט צוא לייענען קריאת שמע אונ דאווענען שמונה עשרה אלע טאג יעדער תפלה אין איר צייט (וכשאתה מתפלל) אונ אז דוא דאווינסט (אל תעש תפלתך קבע) זאלסטו ניט מאכין דיין תפלה פאר אאוים גיזעצטע זאך. דוא מוזט דאווענען. אונ זאלסט וועלין געשווינד אפ דאווענען (אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא) נאר זאלסט בעטין פאר גאט. ער זאל אויף דיר רחמנות האבין אונ זאל דיר געבין אלין וואס דוא דארפסט (שנאמר) אזוי וויא עם שטייט אין פסוק יונה הנביא האט גיזאגט פאר גאט (כי אתה אל חנון ורחום) דו ביסט אגאט וואס דוא האסט רחמנות (ארך אפים) דוא דער לייגערסט מיט אויף האלטונג דיין כעס (ורב חסד) אונ דוא טוסט פיל גינאד (ונחם על הרעה) אז דו זאגסט אשלעכטע גזרה אויף אמענטש. אונ דער מענטש טוהט תשובה. האסטו חרטה אויף דיא שלעכטס וואס דוא האסט גיוואלט ברייגגען אויף דעם מענטש. אונ ברייננסט ניט (ואל תהי רשע בפני עצמך) אונ דוא זאלסט ניט זיין ארשע פאר דיר אליין. אונ פאר פרעמדע מענטשין וועסטו ווייזן אז דוא ביסט אצדיק:

פי׳ אל תהי רשע בעיניך. כלומר לא תחזיק עצמך כרשע שמתוך כך אתה יוצא לתרבות רעה לגמרי. ואני שמעתי אל תהי רשע בדבר זה. שתפרוש מן הצבור. ותעמוד בפני עצמך :

לדעתו : טו היום קצר. חיי העולם הזה קצרים הם : והמלאכה מרובה. התורה ארוכה מארץ מדה : ובעל הבית דוחק. שנאמר (יהושע א) והגית בו יומם ולילה :

יד ר׳ אלעזר אומ׳ הוי שקוד ללמוד תורה (ודע) מה שתשיב לאפיקורוס. ודע לפני מי אתה עמל. ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך : טו ר׳ טרפון אומר היום קצר והמלאכה מרובה והפועלים עצלים והשכר הרבה ובעל הבית דוחק : טז הוא היה אומר לא עליך המלאכה לגמור. ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה. אם למדת תורה הרבה נותנים לך שכר הרבה. ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך. ודע מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא:

יד לאפיקורוס. לשון הפקר שמבזה את התורה ומחשיבה כאלו היא הפקר. א״נ מפיס עצמו כהפקר ואינו חס על נפשו לחוש שמא תבא עליו רעה על שמבזה את התורה או לומדיה : ודע לפני מי אתה עמל. בתשובה זו שאתה משיב לאפיקורוס שלא יפתה לבך לנטות

טז לא עליך המלאכה לגמור. לא שלך שהקב״ה לגמור את כלה כדי שתפסיד שכרך אם לא תגמרנה. ושמא תאמר איני לומד ואיני נוטל שכר : ולא אתה בן חורין ליבטל. על כרחך שהוא מוטל עליך לעבוד : לעתיד לבא. לעולם הבא : עקביא

---

יד רבי אלעזר זאגט (הוי שקוד ללמוד תורה) דוא זאלסט זיין גיאיילט צוא לערנען תורה (ודע מה שתשיב לאפיקורוס) אונ וויים וואס דוא זאלסט ענפערין דעם אפיקורוס אויף זיינע שאלות וואס ער וועט דיר פרעגין (ודע לפני מי אתה עמל) אונ וויים פר וועמען דו מאטערסט דיך אין די תורה (ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך) דער בעל הבית פון דיין ארבעט (דס איז גאט) איז בגלויבט דיר צו בצאהלען אגוטען שכר פר וואס דו מאטערסט דיך אין דיא תורה: טו רבי טרפון זאגט (היום קצר) דער טאג איז קורץ. דיא יאהרין וואס דער מענטש לעבט אויף דיא וועלט זענען זייער ווייניג (והמלאכה מרובה) אונ דיא ארבעט פון מענטשין איז זייער פיל. דיא תורה איז זייער פיל צום לערנען (והפועלים עצלים) אונ דיא ארבעטער זענען פויל. דיא מענטשין זענען פויל צוא לערנען די תורה (והשכר הרבה) אונ דער שכר איז פיל. דער שכר וואס איז אן גיברייט צוא געבין צוא דיא וואס לערנען דיא תורה. איז זייער פיל (ובעל הבית דוחק) אונ גאט וואס ער איז דער בעל הבית פון דיא וועלט גייט דעם מענטשין ער זאל לערנען טאג אונ נאכט: טז (הוא היה אומר) רבי טרפון פלעגט זאגין (לא עליך המלאכה לגמור) גאט האט ניט ארויף גיווארפין אויף דיר דוא מוזט אפ לערנען דיא גאנצע תורה. אונ אויב ניט וועט מען דיר ניט בצאהלין. נאר וויא פיל דוא וועסט לערנען פאר אזוי פיל וועט מען דיר בצאהלין אונ דו קענסט ניט זאגין איך וויל ניט לערנען אונ וויל ניט נעמען שכר (ולא אתה בן חורין להבטל ממנה) אונ דוא ביסט ניט פרייא צוא מבטל זיין תורה לערנען. נאר דוא מוזט לערנען (אם למדת תורה הרבה) אויב דו האסט גילערנט פיל תורה (נותנים לך שכר הרבה) וועט מען דיר געבין פיל שכר (ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך) אונ דער בעל הבית פון דיין ארבעט איז בגלויבט ער זאל דיר בצאהלין פאר דיין ארבעט. אונ זאלסט דיך ניט וואנדערין פאר וואס זענען דא פיל צדיקים וואס ווערין גיפייניגט אויף דיא וועלט מיט ארומקייט אונ אנדערע זאכין. זאגט דיא משנה (ודע מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא)

זאלסט

פרק ג **עקביא** בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. מאין באת מטפה סרוחה. ולאן אתה הולך למקום עפר רמה ותולעה. ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא: **ב** רבי חנינא סגן הכהנים אומר הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה. איש את רעהו חיים בלעו. ר' חנניא בן תרדיון אומר שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה הרי זה מושב לצים. שנאמר (תהלים א) ובמושב לצים לא ישב. אבל שנים

פרק ג **עקביא**. מטפה סרוחה. טפת ש"ז ואף ע"פ שבשעת העבור אינה סרוחה שאינה מסרחת ברחם האשה עד לאחר שלשה ימים וכשמסריח אינה ראויה להזריע מ"מ קרי לה טפה סרוחה מפני שהיא קרובה להסריח מיד כשהיא חוץ לגוף האשה. והמסתכל שבא מטפה סרוחה נצול מן הגאות. והמסתכל שעתיד לילך למקום עפר רמה ותולעה נצול מן התאוה והחמדה אל הממון. והמסתכל שעתיד ליתן דין וחשבון. פורש מן החטא ואינו נכשל בעבירה: **ב** בשלומה של מלכות. ואפילו של אומות העולם: חיים בלעו. דכתיב (חבקוק א) ותעשה אדם כדגי הים. מה דגים שבים כל הגדול מחברו בולע את חברו. אף בני אדם. אלמלא

---

זאלסט וויסען דער שכר פון דיא צדיקים אין עולם הבא:

פרק א ג עקביא בן מהללאל זאגט (הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה) דוא זאלסט זיך איין קוקען אין דיא דרייא זאכען וועסטו ניט קומען איין עבירה צוא טאהן (דע מאין באת) וויים פון וואנען דוא ביזט גיקומען (ולאן אתה הולך) אונ ווא אהין דוא גייסט (ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון) אונ פאר וועמען ביזטו אנגיברייט צוא געבין אמשפט אונ ארעכענונג אויף אליך וואס דוא האסט גיטאהן אויף דיא וועלט (מאין באת) פון וואנען קומסטו (מטפה סרוחה) פון אפארשטונקענעם טראפין זרע (ולאן אתה הולך) אונ ווא אהין גייסטו (למקום עפר רמה ותולעה) צוא אזוי אארט וואס דארט איז ניט מער דא נאר ערד אונ ווערעם (ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון) אונ פאר וועמען ביזטו אנגיברייט צוא געבין דין אונ חשבון (לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) פאר גאט: ב רבי חנינא סגן הכהנים זאגט (הוי מתפלל בשלומה של מלכות) יעדער מענטש דארף בעטין אז דער מלך זאל האבין שלום. וועט ער צייט האבין אכטונג צוא געבין אויף דיא מדינה (שאלמלא מוראה) ווארום ווען ניט דיא מורא פון מלך (איש את רעהו חיים בלעו) וואלט איין מענטש דעם אנדערין לעבעדיג איינגישלונגען. רבי חנניא בן תרדיון זאגט (שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה) אויב צווייא מענטשין זיצען אונ ריידין ניט דיא רייד פון דיא תורה (הרי זה מושב לצים) איז גלייך וויא זייא וואלטין גיזעסין אונ גילאכט פון דיא תורה (עיין תי"ט) (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ובמושב לצים לא ישב) ער איז ניט גיזעסין צווישען דיא מענטשין וואס לאכין פון דיא תורה וכי אם בתורת ה' חפצו. ווייל ער האט גיוואלט לערנען תורה. דריבער איז ער ניט גיזעסין צווישען דיא מענטשין וואס לערנען ניט תורה. אונ דיא וואס לערנען ניט תורה רופט זייא דער פסוק לצים. זייא לאכין פון דיא תורה. ווארום אז זייא וואלטין ניט גילאכט פון דיא תורה. וואלטין זייא ניט גיזעסין איין מנוט ליידיג אן תורה) (אבל שנים שיושבין ויש ביניהם דברי

מורא של מלכות כל הגדול מחברו בולע את חברו : יראי ה' איש אל רעהו . הרי כאן שנים : וידום . ל' קול דממה דקה כלומר השונה יחידי שהוא שונה בלחש : כי נטל עליו . כאילו נתינת כל התורה כולה היתה בעבורו בלבד : ג ולא אמרו עליו דברי תורה : ובבהמ"ז שמברכים על השלחן יוצאין ידי חובתן . וחשוב כאלו אמרו עליו דברי תורה כך שמעתי : מזבחי מתים . הקרובת ע"ג דכתיב (תהלים קו) ויצמדו לבעל פעור ויאכלו זבחי מתים : מלאו קיא צואה . וע"ג קרויה צואה דכתיב (ישעיה ל) צא תאמר לו : בלי מקום . בשביל שלא הזכירו שמו של מקום ברוך הוא על השלחן : שנאמר וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה' . מיד כשדבר בדברי תורה נקרא שלחן אשר לפני השם :

שיושבין ויש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם . שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו . אין לי אלא שנים מנין שאפילו אחד שיושב ועוסק בתורה. שהקדוש ברוך הוא קובע לו שכר . שנאמר (איכה ג) ישב בדד וידום כי נטל עליו : ג רבי שמעון אומר שלשה שאכלו על שלחן אחד . ולא אמרו עליו דברי תורה כאילו אכלו מזבחי מתים . שנאמר (ישעיה כא) כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום . אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה כאילו אכלו משלחנו של מקום ברוך הוא שנא' (יחזקאל מא) וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה' :

---

תורה) אבער אז צוויא מענטשן זיצען אונ ריידען די רייד פון די תורה (שכינה שרויה ביניהם) רוהט צווישען זייא דיא שכינה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו) אויב צוויא מענטשין ריידין איינער צום אנדערין פון דיא מורא פאר גאט (ויקשב ה' וישמע) פאר געמט גאט אונ ער הערט זייערע רייד (ויכתב ספר זכרון לפניו) אונ עס ווערט פאר שריבען אין אבוך דאס זאל אייביג דער מאנט ווערין פאר גאט (ליראי ה' ולחושבי שמו) צוא דיא וואס האבין מורא פאר גאט אונ אכטין זיין נאמען (אין לי אלא שנים) ווייס איך נאר אז צווייא לערנען רוהט דיא שכינה צווישען זייא (מנין שאפילו אחד שיושב ועוסק בתורה שהקדוש ברוך הוא קובע לו שכר) פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו איינער לערנט פאר זיך אליין וועט גאט אים אויך געבין שכר (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ישב בדד וידום כי נטל עליו) ער זיצט אליין אונ לערנט שטיל וויל עס איז ארויף געווארפין אויף אים מען זאל אים געבין שכר : ג (רבי שמעון) זאגט (שלשה שאכלו על שלחן אחד) אויב דרייא מענטשין האבין גיגעסין בייא איין טיש (ולא אמרו עליו דברי תורה) אונ זייא האבין ניט גירעט בייא דעם טיש דיא רייד פון דיא תורה (כאילו אכלו מזבחי מתים) איז גלייך וויא זייא וואלטין גיגעסין דיא זאכין וואס מען איז מקריב צוא דיא עבודה זרה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום) אלע טישען זענען פול מיט מיאוסקייט פון עבודה זרה וויל מען האט ניט דער מאנט דעם נאמען פון גאט (אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד) אבער אז דרייא מענטשין האבין גיגעסין בייא איין טיש (ואמרו עליו דברי תורה) אונ זייא האבין גירעט דיא רייד פון דיא תורה (כאילו אכלו משלחנו של מקום ברוך הוא) איז גלייך וויא זייא וואלטין גיגעסין פון דעם לחם הפנים וואס ער ליגט אויף דעם טיש פון גאט (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה') אז מען האט נאר גירעט דיא רייד פון דיא

ד ר' חנינא בן חכינאי אומר הנעור בלילה והמהלך בדרך יחידי והמפנה לבו לבטלה. הרי זה מתחייב בנפשו:

ה רבי נחוניא בן הקנה אומר כל המקבל עליו עול תורה. מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. וכל הפורק ממנו עול תורה נותנין עליו עול מלכות ועול ד"א:

ו רבי חלפתא איש כפר חנניא אומר עשרה שיושבין ועוסקין בתורה שכינה שרויה ביניהם שנא' (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל. ומנין אפי' חמשה שנא' (עמוס ט) ואגודתו על ארץ יסדה. ומנין אפי' שלשה.

ז"א בראשו של מקרא סוף יוצא. דכתיב והמזבח עץ שלש אמות. אל תקרי אמות אלא אמות. כמו יש אם למקרא. שלש. כנגד תורה נביאים וכתובים. ואמרי לה מקרא. משנה. וגמרא. שצריך אדם לדבר בהן על השלחן. ואז קרוי שלחן אשר לפני ה'. כך פירש רש"י: ד הנעור בלילה והמהלך בדרך יחידי. ומחשב בלבו דברי הבאי: ה"ז מתחייב בנפשו. לפי שלילה הוא זמן למזיקים. והמהלך בדרך יחידי הוא בסכנה מפני הליסטים וכמה פגעים רעים. ואם היה מחשב בדברי תורה היתה משמרתו: ה עול מלכות. משא מלך ושרים: דרך ארץ. עמל וטורח הפרנסה. לפי שמלאכתו מתברכת: הפורק ממנו עול תורה. שאומר קשה עולה של תורה ואיני יכול לסבלה: ו עשרה שהיו יושבין בדין. גרסי': בעדת אל. ואין עדה פחותה מי' שנאמר במרגלים (במדבר יד) עד מתי לעדה הרעה הזאת. יצאו יהושע וכלב הרי י': ומנין אפילו חמשה שנאמר בקרב אלהים ישפוט. ג' דיינים. ושני בעלי דינים: ומנין אפילו

---

תורה. ווערט שוין דער טיש גירופן. דער טיש וואס פאר גאט: ד רבי חנינא בן חכינאי זאגט (הנעור בלילה) דער וואס איז אויף ביי נאכט (והמהלך בדרך יחידי) אונ דער וואס גייט אליין אין וועג (ומפנה לבו לבטלה) אונ ער טראכט אין הארץ ליידיגע זאכן. אונ עס הט אים גיטראפן אשלעכטע זאך ביי נאכט אדער אין וועג (הרי זה מתחייב בנפשו) איז ער זיך אליין שולדיג. ווארום אז ער וואלט גילערנט תורה. וואלט דיא תורה אים אפ געהיט פון אלע שלעכטע טרעפונגען: ה רבי נחוניא בן הקנה זאגט (כל המקבל עליו עול תורה) דער וואס נעמט אויף זיך דעם יאך פון דיא תורה (מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ) נעמט מען אראפ פון אים דעם יאך פון פאדאטקעס וואזוי איז גיוועזן אין דיא צייט פון דיא גמרא אונ דעם יאך פון פרנסה. זיין האנדיל. אדער זיין מלאכה ווערט גיבענטשט פון גאט. ער זאל דארפן ווייניג האנדלען אונ ווייניג ארבעטין. ער זאל קענען זיצען רוהיג אונ לערנען (וכל הפורק ממנו עול תורה) אונ דער וואס נעמט אראפ פון זיך דעם יאך פון דיא תורה. ער וויל ניט לערנען (נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ) גיט מען אויף אים דעם יאך פון פאדאטקעס אונ דעם יאך פון פרנסה: ו רבי חלפתא פון דעם דארף חנניא זאגט (עשרה שיושבין ועוסקין בתורה) אויב צעהן מענטשין זיצען אונ לערנען (שכינה שרויה ביניהם) רוהט דיא שכינה צווישען זייא (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (אלהים נצב בעדת אל) גאט שטייט צווישען דיא עדה וואס ריידין אין דיא תורה פון גאט. אונ צעהן מענטשין ווערין גירופין עדה (ומנין אפילו חמשה) אונ פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו פינף מענטשין לערנען תורה צוא זאמען. רוהט אויך דיא שכינה צווישען זייא (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ואגודתו על ארץ יסדה) אונ זיין בונד האט ער גיגרונדפעסטיגט אויף דיא ערד. אונ אבונד נעמט מען מיט דיא האנט. מיט פינף פינגער (ומנין אפילו שלשה) אונ פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו דרייא מענטשין זיצען אונ לערנען

שלשה. שנאמר ואגודתו על ארץ יסדה. לארץ כשיש שם אגודה עוסקים בתורה. הארץ. והאויר. והמים. שהם שלשה. על ומנין אפילו שנים שנאמר בקרב אלהים ארץ יסדה. על יסוד הארץ הם מקיפים. ישפוט. שהדיינים הם ג': כי נטל עליו. הרי לך שהשלשה קרויין אגודה. א"נ מלינו לשון הכך. תרגום וסכות וחטול כלומר שלשה קרויין אגודה.

שנא' בקרב אלהים ישפוט. ומנין אפילו שנים. שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע וגו'. ומנין אפי' אחד. שנאמר (שמות כ) בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך: ז רבי אליעזר איש ברתותא אומר תן לו משלו. שאתה ושלך שלו. וכן בדוד הוא אומר (ד"ה א כט) כי ממך הכל ומידך נתנו לך. ר"ש אומר המהלך בדרך ושונה. ומפסיק ממשנתו. ואומר מה נאה אילן זה. ומה נאה ניר זה. מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו:

אגודת אזוב שהיה ג' קלחים. ויש ספרים שכתוב בהן ומנין אפילו חמשה שנאמר ואגודתו על ארץ יסדה. שאדם אוגד בידו אחת שיש בה ה' אצבעות. כלל אצבעות שביד קרויין אגודה. ובראש המקרא סוף אומר הבונה בשמים מעלותיו. כלומר שהשכינה שהיא בשמים יורד למטה שהשכינה סוככת עליה:

ז תן לו משלו. לא תמנע מלהתעסק בחפצי שמים. בין בגופך בין בממונך [שאיך נותן משלך. לא מגופך. ולא מממונך]. שאתה וממונך שלו: מה נאה אילן זה מה נאה ניר זה. ה"ה לכל שיחה בטלה אלא שדבר בהווה שדרך הולכי דרכים לדבר מה שרואים בעיניהם.

---

רוהט אויך דיא שכינה צווישען זיא (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (בקרב אלהים ישפוט) גאט משפט צווישען דיא דיינים. ווייל פסקנן אדין איז דאך תורה. רוהט צווישען זיא דיא שכינה. אונ דיינים זענען דרייא (ומנין אפילו שנים) אונ פון וואנען ווייסן מיר אז אפילו צווייא מענטשין זיצען אונ לערנען איז אויך דיא שכינה צווישען זיא (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע) אויב צווייא מענטשין רידין איינער צום אנדערין פון דיא מורא פאר גאט. פאר נעמט גאט אונ ער הערט זייערע רייד (ומנין אפילו אחד) אונ פון וואנען ווייסן מיר אז אפילו איין מענטש זיצט אונ לערינט איז אויך דיא שכינה מיט אים (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך) אויף יעדער ארט וואס עס וועט דער מאנט ווערין מיין נאמען. זאגט גאט וועל איך קומען צוא דיר. אונ וועל דיך בענטשין. אז מען זאגט צוא דיר. שמועסט מען דאך פון איין מענטשין: ז רבי אליעזר איש ברתותא זאגט (תן לו משלו) דוא זאלסט געבין צוא גאט דאס זיינגע. וואס ער האט דיר גיגעבין. אז א מענטש טוהט א מצוה מיט זיין גוף אדער מיט זיין געלט. דאס איז ניט זיינע (שאתה ושלך שלו) דוא אונ דיין פארמעגן גיהערין צוא גאט (וכן בדוד הוא אומר) ביא דוד זאגט אויך אזוי דער פסוק. דוד המלך האט גיזאגט צוא גאט (כי ממך הכל ומידך נתנו לך) פון דיר איז אלץ. אונ דאס וואס דוא האסט אונז גיגעבין פון דיין האנט. דאס געבין מיר צוא דיר. רבי שמעון זאגט (המהלך בדרך ושונה) דער וואס גייט אין וועג אונ לערנט (ומפסיק ממשנתו) אונ ער הערט אויף פון זיין לערנען (ואומר מה נאה אילן זה) אונ ער זאגט וויא שיין איז דער בוים (ומה נאה ניר זה) אונ וויא שיין איז דער אקער. אונ עס האט אים גיטראפין א שלעכטע זאך אין וועג (מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו) רעכנט אויף אים דער פסוק. אז ער איז אליין שולדיג אין דיא

וי"א דאשמועינן רבותא דאע"ג דע"י כן הוא מברך ברוך שככה לו בעולמו. אף על פ"כ מעלין עליו כאילו מתחייב בנפשו מפני שהפסיק ממשנתו: ניר. תלם המחרישה כמו נירו לכם ניר (ירמיה ד): ח כל השוכח דבר אחד ממשנתו. ובשביל שלא חזר עליה מעלין עליו כאילו מתחייב בנפשו שמתוך שכחתו סוף בא להתיר את האיסור ונמצאת תקלה באה על ידו. ושגגתו עולה זדון. אי נמי כאילו מתחייב בנפשו לפי שאותה משנה היתה משמרתו. ועכשיו ששכחה אינה משמרתו: תקפה עליו משנתו. שהיתה קשה עליו ומתוך קושי שנה שכחה: ט כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו. אני שמעתי שמקדים במחשבתו יראת חטאו לחכמתו. שהוא חושב בלבו אלמוד בשביל שאהיה ירא חטא. וזה ע"ד שאמרו תחלת המחשבה סוף המעשה: חכמתו מתקיימת. שהחכמה מביאתו למה שלבו חפץ. והוא נכנס בה: וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו. שאין

ח ר' דוסתאי ברבי ינאי משום ר"מ אומר כל השוכח דבר אחד ממשנתו. מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו. שנאמר (דברים ד) רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך. יכול אפילו תקפה עליו משנתו. תלמוד לומר (שם) ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך. הא אינו מתחייב בנפשו. עד שישב ויסירם מלבו: ט רבי חנינא בן דוסא אומר כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת. וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אין

זאך וואס אים האט געטראפען. אז ער וואלט ניט אויף גיהערט צו לערנען. וואלט אים קיין שלעכטס ניט גיטראפען. די תורה וואלט אים געהיט פון אלע שלעכטס: ח רבי דוסתאי ברבי ינאי משום רבי מאיר אומר) רבי דוסתאי ברבי ינאי זאגט פון רבי מאירס וועגן (כל השוכח דבר אחד ממשנתו) דער וואס פאר געסט איין זאך פון זיין לערנען (מעלה עליו הכתוב) רעכנט אויף אים דער פסוק (כאילו מתחייב בנפשו) גלייך ווי ער וואלט אליין פאר שולדיגט זיין לעבין. ווארום אז ער האט דאס לערנען פארגעסין. וועט ער מאכין פ טריף כשר. וועט ער גישטראפט ווערין (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (רק השמר לך ושמור נפשך מאוד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך) נאר דו זאלסט דיך היטען און זאלסט היטען דיין נשמה. טאמער וועסטו פארגעסין די זאכין וואס דיינע אויגין האבין גיזעהן (יכול אפילו תקפה עליו משנתו) איך וואלט וועלין מיינען אפילו זיין לערנען האט זיך גישטארקט אויף אים. עס איז אים שווער גיוועזין צו גידיינקען. וועט ער אויך גישטראפט אז ער פאר געסט (תלמוד לומר) לערנט אונז דער פסוק (ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך) טאמער וועלין די רייד פון די תורה אפ גיטאהן ווערין פון דיין הארצין אלע דיינע לעבינס טעג (הא אינו מתחייב בנפשו) ער האט אנדערש ניט פארשולדיגט זיין לעבין (עד שישב ויסירם מלבו) סיידין ער זיצט ליידיג און לערנט ניט. און דורך דעם ווערט אפ גיטאהן פון אים דאס לערנען און ער פאר געסט: ט רבי חנינא בן דוסא זאגט (כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו) דער מענטש וואס איז פרום און האט מורא צו טאהן אעבירה. און דער נאך לערנט ער תורה ער זאל וויסען וואס מען טאר ניט (חכמתו מתקיימת) ביי דעם מענטש וועט די תורה האבין אקיום. און ער וועט זיין אחכם אין דער תורה. און גאט וועט אים מפרנס זיין ער זאל אייביג זיצען און לערנען (וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו) און דער מענטש וואס איז ניט פרום און האט ניט מורא צו טאהן אעבירה. און ער נעמט לערנען תורה. ווייל ער וויל קענען די חכמה פון די תורה (אין חכמתו מתקיימת)

לומד ע"מ לעשות הואיל ואין לבו פונה להיות ירא חטא אין חכמתו מתקיימת שמתוך שהיא מונעת אותו מללכת אחרי שרירות לבו סוף קץ בה ומואסה ומניחה: כל שמעשיו מרובים מחכמתו. הכא מיירי שהזריז במ"ע. ולעיל בכל יראת חטאו קודמת לחכמתו. איירי שנזהר במצות ל"ת: י כל שרוח הבריות נוחה הימנו. כל מי שאהוב למטה בידוע שהוא אהוב למעלה:

חכמתו מתקיימת. הוא היה אומר כל שמעשיו מרובין מחכמתו. חכמתו מתקיימת. וכל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקיימת: י הוא היה אומר כל שרוח הבריות נוחה הימנו. רוח המקום נוחה הימנו. וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו. ר׳ דוסא בן הרכינס אומר שינה של שחרית. ויין של צהרים. ושיחת הילדים. וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ. מוציאין את האדם מן העולם: יא ר"א המודעי אומר המחלל

שינה של שחרית. שהולך וישן עד שעונת ק"ש עוברת: יין של צהרים. מושך לבו של אדם דכתיב (קהלת ב) למשוך ביין את בשרי ומביא אותו לידי שכרות: ושיחת הילדים. מבטלת את אבותיהם מלעסוק בתורה: וישיבת בתי כנסיות של ע"ה. שמתכנסים ומדברים בדברים בטלים: יא המחלל את הקדשים. המביא קדשי המזבח לידי פגול ונותר וטמאה או המועל ונהנה

---

בייא דעם מענטש וועט דיא תורה ניט האבין אקיום. נאט וועט ברייגגען פאר אים אזעלכע סבות אז ער וועט מוזין אויף הערין צוא לערנען תורה (הוא היה אומר) רבי חנינא בן דוסא פלעגט זאגין (כל שמעשיו מרובין מחכמתו) דער מענטש וואס איז פרום אונ וואלט גערין ניטאהן פיל מצות. נאר ער וייס ניט וואס צוא טאהן. גיעמט ער לערנען תורה. ער זאל וויסען אלע מצות אונ וויא אזוי מען זאל זייא טאהן (חכמתו מתקיימת) בייא דעם מענטש וועט דיא תורה האבין אקיום (וויא פריער) (וכל שחכמתו מרובה ממעשיו) אונ דער מענטש וואס קען לערנען פיל תורה. אונ ער טוהט ניט וואס אין דיא תורה שטייט (אין חכמתו מתקיימת) בייא דעם מענטש וועט דיא תורה ניט האבין אקיום. נאט וועט ברייגגען פאר אים אזעלכע סבות אז ער וועט מוזין אויף הערין צוא לערנען תורה (ועיין בהרע"ב ותי"ט): י (הוא היה אומר) רבי חנינא בן דוסא פלעגט זאגין (כל שרוח הבריות נוחה הימנו) דער מענטש וואס מענטשין האבין אים ליב. זאל מען וויסען (רוח המקום נוחה הימנו) אז נאט האט אים אויך ליב (וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו) אונ דער מענטש וואס מענטשין האבין אים ניט ליב. זאל מען וויסען (אין רוח המקום נוחה הימנו) אז נאט האט אים אויך ניט ליב. רבי דוסא בן הרכינס זאגט (שינה של שחרית) דער וואס שלאפט אין דער פריא ביז דיא צייט פון דאוונען גייט אריבער (ויין של צהרים) אונ דער וואס טרינקט פיל וויין צוא מיטאג ביז עס ברייגגט אים צוא שכרות. אונ דאוינט ניט קיין מנחה (ושיחת הילדים) אונ דער וואס פאר ברייגגט זיין צייט מיט קינדערשע שמועסין (וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ) אונ דער וואס זיצט אין דיא הייזער ווא דיא פראסטע מענטשין ווערין פערזאמעלט. אונ פאר ברייגגט זיין צייט צוא שמועסין מיט זייא. אונ דורך דיא אלע זאכין איז ער מבטל זיין דאוונען אונ זיין תורה לערנען (מוציאין את האדם מן העולם) דאס ציהט אוים דעם מענטשין פון דער וועלט. ער שטארבט פאר דיא צייט: יא רבי אלעזר המודעי זאגט (המחלל את הקדשים) דער וואס האלט דיא קרבנות אזוי וויא פראסטע בהמות. ער האט גיטראכט בייא זייער שעכטין. ער זאל זייא עסין וויא לאנג אז

את הקדשים. והמבזה את המועדות. והמלבין פני חברו ברבים. והמפר בריתו של אברהם אבינו עליו השלום. והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה. אע"פ שיש בידו תורה ומעשים טובים. אין לו חלק לעולם הבא: יב רבי ישמעאל אומר הוי קל לראש. ונוח לתשחורת. והוי מקבל את כל האדם בשמחה: יג רע"א שחוק וקלות ראש.

והכהן בין בקדשי מזבח בין בקדשי בדק הבית: והמבזה את המועדות. ימים של חוה"מ עושה בהן מלאכה. או נוהג בהן מנהג חול באכילה ושתיה: והמלבין פני חבירו ברבים. שמתביישים פניו מאדימות תחלה ואח"כ מתלבנות שהפנים יש להם שתי תעשות. אחת לחוץ וא' לפנים וכשמביישין את האדם. בתחלה הרוח מתנע לצד חוץ כמי שמתמלא חמה ופניו מאדימות. וכשאינו מוצא עצה כיצד יסיר הבושת הזאת מעל פניו הוא דואג בקרבו ונכנס הרוח לצד פניו מפני הצער. ופניו מתכרכמים ומתלבנים. וזהו שאמרו בענין הלבנה דאזיל סומקא ואתי חיורא: והמפר בריתו. שלא מל. או שמל ומושך ערלתו לכסות המילה כדי שלא יראה שהוא מהול: והמגלה פנים בתורה. שמראה פנים ופירושים בתורה שלא כהלכה. כגון שמתרגם ומזרעך לא תתן להעביר למולך. ומזרעך לא תתן לאעבר לארמיותא. ואין זה פשוטו של מקרא. ובכלל זה הדורש דרשות של דופי. פי' אחר מגלה פנים. שמעיז פנים לעבור על דברי תורה בפרהסיא ביד רמה. ואין לו בושת פנים: אע"פ שיש בידו תורה ומעשים טובים. ולא חזר בתשובה מא' מעבירות שבידו. אע"פ שבאו עליו יסורים ומת ביסורים אין לו חלק לעולם הבא. אבל אם חזר בתשובה קודם מותו. אין לך דבר שעומד בפני התשובה: יב הוי קל לראש. לפני אדם גדול זקן ויושב בראש בישיבה. הוי קל לעבודתו ולשמש לפניו: ונוח לתשחורת. לאדם בחור ששערותיו שחורות אינך צריך להקל עצמך כל כך אלא תעמוד לפניו בנחת וביישוב: והוי מקבל וכו'. נגד כל אדם בין ראש בין תשחורת תעמוד בשמחה. מקבל כמו מקביל מתרגם נגד קבל. פי' אחר הוי קל לראש בראשיתך כשאתה בחור הוי קל לעשות רצון בוראך ובזקנותך כשהושחרו פניך מפני הזקנה תהא נוח לו: יג מסורת סייג לתורה. המסורת

---

וועט וועלין. אונ ער לאזט זייא זאלין טמא ווערין. אונ ער האט הנאה פון זייא (והמבזה את המועדות) אונ דער וואס פארשעמט חול המועד. ער ארבעט חול המועד. אדער ער גייט חול המועד אין וואכעדיגע קליידער (והמלבין פני חברו ברבים) אדער ער פאר שעמט זיין חבר פאר פיל מענטשין (והמפר בריתו של אברהם אבינו עליו השלום) אדער ער איז מבטל דעם ברית פון אברהם אבינו. אויב מען האט אים ניט מל גיוועזן ווען ער איז גיוועזן אלט אכט טאג. אונ איצט וויל ער זיך ניט מל זיין (והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה) ער לערנט פשט אין דיא תורה ניט וויא דער דין איז (אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים) אפילו ער קען גוט לערנען אונ טוהט גוטע מעשים וגמילות חסדים אונ צדקה. פון דעסטוועגין (אין לו חלק לעולם הבא) האט ער ניט קיין עולם הבא:
יב רבי ישמעאל זאגט (הוי קל לראש) דוא זאלסט זיין בייא זיך גרינג צו בדינען תלמידי חכמים (ונוח לתשחורת) אונ צוא יונגע מענטשין וואס האבין נאך שווארצע האר. זאלסט אויך מיט זייא זיין גוט. אונ מיט דרך ארץ. ניט מבזה זייא זיין. נאר מיט כבוד (והוי מקבל את כל האדם בשמחה) אונ דוא זאלסט אויך נעמען יעדער מענטש מיט שמחה:
יג רבי עקיבא זאגט (שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה) גילעכטער אונ באר שייטקייט ברייינגען דעם מענטשין צו זנות (מסורת סייג לתורה) די דינים וואס עס איז איבער גיענטפערט
גיווארין

מרגילין לערוה. מסורת. סייג לתורה. מעשרות. סייג לעושר. נדרים. סייג לפרישות. סייג לחכמה שתיקה: יד הוא היה אומר חביב אדם שנברא בצלם. חבה יתירה נודעת לו שנברא בצלם. שנאמר (בראשית ט) בצלם אלהים עשה את האדם. חביבין ישראל. שנקראו בנים למקו'. חבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים למקום. שנאמר (דברים יד) בנים אתם לה' אלהיכם. חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה. חבה יתירה נודעת להם שניתן להם כלי

המסורה שמסרו לנו חכמים בחסרות ויתרות שבתורה הם גדר וחזוק לתורה שבכתב שעל ידיהם אנו מבינים כמה מלות היך יעשו אותם כמו בסכות בסכת בסכת שנים חסרים וא' מלא שממנו אנו למדים להכשיר סוכה בג' דפנות וכגון מועדי ה' אשר תקראו אתם שנכתב חסר בג' מקומות ללמד אתם אפילו שוגגים אתם אפילו מזידים אתם אפי' מוטעי': מעשרות סייג לעושר. עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר: נדרים סייג לפרישות. בזמן שאדם מתחיל בפרישות ומתיירא שלא יעבור מקבל עליו בל' נדר שלא יעשה כך וכך וע"י כן הוא כובש את יצרו: סייג לחכמה שתיקה. במה אנן קיימין אי בשתיקה מדברי תורה הרי כבר כתיב והגית בו וגו' אי בשתיקה מרכילות ולשון הרע וקללה דאורייתא נינהו. הא אינו מדבר אלא בשתיק' מדברי הרשות שבין אדם לחברו שיש לו לאדם למעט הדבור בהם כל מה שאפשר. ועליה אמר שלמ' (משלי יז) גם אויל מחריש חכם יחשב: יד חבה

געוואָרין צוא דיא חכמים אויס וועגיג פון משה רבינו וואס האט דאס געהערט אויף דעם בארג סיני. דאס איז אצאם (דאס פאר שטעלט) מען זאל ניט עובר זיין אויף דיא תורה (מעשרות סייג לעושר) דער וואס גיט מעשר איז דאס אצאם אונ עס פאר שטעלט עס זאל ניט קומען אויף אים אָרעמקייט. נאר דאס ברייננט אים צוא עשירות (נדרים סייג לפרישות) דער וואס וויל זיין אפ געשיידט פון תאוות. זאל ער טאהן אנדר. ער זאל ניט טאהן די זאך אונ ניט דיא זאך. אונ וויל ער וועט ניט וועלין עובר זיין אויף דיא נדרים. וועט ער ניט טאהן דיא תאוה. איז דאך דער נדר אפאר שטעלונג מען זאל ניט טאהן דיא תאוות (סייג לחכמה שתיקה) אז דער מענטש שווייגט פאר היט ער דיא חכמה אונ מאכט פאר איר אצאם אונ פאר שטעלט פאר איר דיא נארעשקייט זאל צוא איר ניט צוא קומען. וואָרום אין פיל ריידין מוז קומען נארעשקייט: יד (הוא היה אומר) רבי עקיבא פלעגט זאגין (חביב אדם שנברא בצלם) געליבט איז דער מענטש ביא גאט. אז גאט האט אים באשאפין אין זיין פארעם (חבה יתירה נודעת לו שנברא בצלם) נאך אגרעסערע ליבשאפט האט גאט בווייזן צום מענטש. וואס ער האט אים גימאכט וויסען אז ער איז באשאפין געוואָרין אין זיין פארעם (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (בצלם אלהים עשה את האדם) גאט האט באשאפין דעם מענטש אין דעם גאטליכען פארעם (חביבין ישראל שנקראו בנים למקום) דיא יודין זענין געליבט ביא גאט. וואָרום זייא ווערין גירופען קינדער צוא גאט (חבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים למקום) נאך אגרעסערע ליבשאפט האט גאט בווייזן צוא דיא יודין. וואס ער האט זייא גימאכט וויסען אז זייא ווערין גירופען קינדער צוא גאט (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גיזאגט צוא דיא יודין (בנים אתם לה' אלהיכם) איר זענט קינדער צוא אייער גאט (חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה) די יודין זענען געליבט ביא גאט. וואָרום גאט האט זייא גיגעבין אגרויסטיגע זאך. דאס איז דיא תורה (חבה יתרה) נאך אגרעסערע ליבשאפט האט גאט בווייזן צוא דיא יודין (נודעת להם) וואס ער האט זייא

יתירה נודעת לו. רמב"ם פירש חבה יתירה הראה הקב"ה לאדם שהודיעו ואמר לו ראה שבראתיך בצלם שהמטיב לחבירו ומודיעו הטובה שעשה עמו. מראה חבה יתירה יותר משאילו הטיב עמו ואינו חשוב בעיניו להודיעו הטוב' שעשה עמו. ויש לפרש חבה יתירה נודעת להם. חבה גלויה ומפורסמת שלא בלבד אהבה מסותרת הי' לו למקו' ברוך הוא עם האדם אלא אף חבה גלויה. וידועה לכל: שנאמר כי לקח טוב. כל מעשה בראשית שנאמר בו וירא אלהים כי טוב. לא נברא אלא בשביל התורה שנקראת לקח כמה דאת אמר (דברים לב) יערוף כמטר לקחי: טו הכל צפוי. כל מה שאדם עושה בחדרי חדרים גלוי לפניו: והרשות נתונה. בידו של אדם לעשות טוב ורע כדכתיב (דברים ל) ראה נתתי לפניך היום את החיים וגו': ובטוב העולם נדון. במדת רחמים ואעפ"כ אין הכל שוין במדה זו לפי שהכל לפי רוב המעשה. המרבה במעשים טובים נותנים לו רחמים מרובים. והממעיט במעשים טובים ממעטים לו ברחמים. פי' אחר והכל לפי רוב המעשה.

חמדה שבו נברא העולם. שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו: טו הכל צפוי. והרשות נתונה. ובטוב העולם נדון והכל לפי רוב המעשה: טז הוא היה אומר הכל נתון בערבון. ומצודה פרוסה על כל החיים. החנות פתוחה. והחנוני מקיף.

לפי רוב מעשיו של אדם הוא נדון. אם רוב זכיות זכאי. אם רוב עונות חייב. ורמב"ם פי' הכל צפוי. כל מעשה בני אדם מה שעשה ומה שעתיד לעשות הכל גלוי לפניו ולא תאמר כיון שהקב"ה יודע מה שיעשה האדם א"כ הוא מוכרח במעשיו שיהיה צדיק או רשע כי הרשות נתונה בידו לעשות טוב ורע ואין שום דבר שיכריחהו כלל וכיון שכן הוא בטוב העולם נדון להפרע מן הרשעים וליתן שכר טוב לצדיקים. שהחוטא חטא ברצונו וראוי שיענש. והצדיק היה צדיק ברצונו. וראוי שיקבל שכר: והכל לפי רוב המעשה. לפי מה שהאדם כופל ומתמיד בעשיית הטוב כך שכרו מרובה שאינו דומה המחלק מאה זהובים לצדקה במאה פעמים לנותן אותה בפעם אחת. וגרסת רמב"ם היא. והכל לפי רוב המעשה הכל לא על פי המעשה: טז הכל נתון בערבון. כגלוסי דבר נש איכון ערבין ביה. לאתר דמתבעי תמן מובילין יתיה: ומצודה פרוסה. יסורין ומיתה: החנות פתוחה. ובני אדם נכנסים שם ולוקחים בהקפה: והחנוני מקיף. ומאמין לכל הבא לטול. כך

---

גימאַכט וויסען (שֶׁנִּיתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה שֶׁבּוֹ נִבְרָא הָעוֹלָם) אַז ער האָט זייא גיגעבן אַזוי אַגלוסטיגע זאַך וואָס מיט דיא זאַך איז דיא וועלט בשאַפין גיוואָרין (שֶׁנֶּאֱמַר) אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק (כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזוֹבוּ) איך האָב גיגעבן צוא אייך אגוטע לערנונג מיין תורה זאָלט איר ניט פאַר לאָזין (ועיין תי"ט): טו (הַכֹּל צָפוּי) פון הימעל ווערט גיקוקט אויף אַלע זאַכין וואָס דער מענטש טוהט (וְהָרְשׁוּת נְתוּנָה) אונ מען לאָזט דעם מענטשין טאָהן וואָס ער וויל. גוט אָדער שלעכט (וּבְטוּב הָעוֹלָם נִדּוֹן) אונ דיא וועלט ווערט געמשפט מיט גוטס. מיט רחמנות (וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה) אונ אַלץ ווערט געמשפט נאָך די מערסטע מעשים פון מענטשין. אויב דאָס מערסטע מעשים פון מענטש זענען גוטע. ער האָט מצות מער וויא עבירות. הייסט ער אַצדיק. אונ אויב ער האָט עבירות מער וויא מצות. הייסט ער ארשע: טז (הוּא הָיָה אוֹמֵר) רבי עקיבא פלעגט זאָגין (הַכֹּל נָתוּן בְּעֵרָבוֹן) אַלץ איז גיגעבן גיוואָרין אויף אַמשכון. דער מענטש האָט גיגעבן אַמשכון אויף אַלע עבירות וואָס ער טוהט ער זאָל פאַר זייא באַצאָהלין. דער משכון איז זיין לעבין. וואָרום (וּמְצוּדָה פְּרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים) אַנעץ איז פאַר שפרייט אויף אַלע לעבעדיגע מענטשין. אַלע מענטשין דאָ זענען אויף דיא וועלט. זענען וויא גיפאַנגענע. מען טוהט מיט זייא וואָס מען וויל.

בני אדם חוטאים בכל יום והקב"ה ממתין להם עד בא עתם: והפנקס פתוח. לכתוב בו החטאות כדי שלא ישכח: והיד כותבת. שלא תאמר אע"פ שהפנקס פתוח פעמים שהחנוני טרוד ואינו כותב הכל לכך אמר והיד כותבת: וכל הרוצה ללות וכו'. היינו והרשות נתונה דלעיל שאין שום אדם מוכרח ללוות שלא ברצונו: והגבאים. יסורים ופגעים רעים: מדעתו. פעמים שזוכר את חובו ואומר יפה דנתני: ושלא מדעתו. שפעמים שהוא בועט וקורא תגר כנגד דינו של מקום ברוך הוא: ויש להם על מה שיסמוכו. על הפנקס ועל החנוני שהוא נאמן על פנקסו כך היסורים הללו הן נסמכים על מעשיו של אדם שהוזכרים לפני המקום ב"ה אע"פ שהם נעלמים מן האדם: והדין דין אמת. שאין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו: והכל מתוקן לסעודה. אחד לצדיקים ואחד לרשעים יש להם חלק לעולם הבא לאחר שגבו מהן את חובן: יז אם אין תורה וכו'. אין משאו ומתנו יפה עם הבריות: אם אין דרך ארץ וכו'. סוף שתורתו משתכחת ממנו: אם אין דעת וכו'. דעת הוא שמוצא טעם לדבר. ובינה שמבין דבר מתוך דבר אבל אינו מראה לו טעם ואם אין דעת נתת טעם לדבר: אין בינה. אחר שלא ידע טעמו של דבר. כאילו לא

והפנקס פתוח והיד כותבת. וכל הרוצה ללוות. יבא וילוה. והגבאים מחזירים תדיר בכל יום. ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו. ויש להם על מה שיסמוכו. והדין דין אמת. והכל מתוקן לסעודה: יז רבי אלעזר בן עזריה אומר אם אין תורה אין דרך ארץ. אם אין דרך ארץ אין תורה. אם אין חכמה אין יראה. אם אין יראה אין חכמה. אם אין בינה אין דעת. אם אין

---

אונ זיא קענען זיך גאר ניט העלפין (החנות פתוחה) דיא קראם איז האפין (והחנוני מקיף) אונ דער קרעמער פאר בארגט (והפנקס פתוח) אונ דער בוך איז האפין (והיד כותבת) אונ דיא האנט שרייבט (וכל הרוצה ללות יבא וילוה) אונ ווער עס וויל בארגין זאל קומען בארגין (והגבאים מחזירים תדיר בכל יום) אונ דיא וואס דארפין אויף מאנען דיא חובות גייען ארום שטענדיג אלע טאג אונ מאנען (ונפרעים מן האדם מדעתו ושלא מדעתו) אונ זייא ווערין בצאהלט פון דעם מענטשין. סייא דער מענטש בצאהלט מיט זיין גוטען ווילען. אונ סייא ער בצאהלט ניט מיט זיין גוטין ווילען (ויש להם על מה שיסמוכו) אונ זייא האבין זיך אויף וועמען צוא פאר לאזין. ווארום (והדין דין אמת) דער משפט איז אמת (והכל מתוקן לסעודה) אונ אלע יודין זענען אן גיברייט צוא דער סעודה פון עולם הבא. אלע יודין ווערין האבען עולם הבא. יעדער יוד דער נאך וויא ער געמט אפ זיין שטראף האט ער עולם הבא:
